STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01766

DOS KOL FUN DEM VEGETARYER

Permanent preservation of this book was made possible
by Alan I. Baron
in memory of
Gertrude Kessel, Rose Baron & Ernest Yaniger

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אדם ובהמה תושיע ה׳

(תהלים)

דאָס קול פון דעם

וועגעטאַריער

אַ זאַמלשריפט געווידמעט דעם
עטיש־וועגעטאַרישן געדאַנק

רעדאַקטירט פון

נתן שמואל דייוויס

תשי״ב — 1952

נאָך אינפאָרמאַציע, וואָס שייך וועגעטאַרישע אָנגעלעגנהייטן
זאָל מען זיך ווענדן צו :
NATHAN S. DAVIS, 772 Vermont St., B'klyn, 7, N. Y.

אינהאַלט

שמואל דוד מאט — — — — — — — — — — — לזכר

מנחם מאָרגנשטערן — — — — — — — — — — — נעקראָלאָג

אַריינפיר — — — — — — — — — — נתן שמואל דייווים

זכרונות און רעיונות — — — — — — — — — מלך ראַוויטש

א. ד. גאָרדאָן און דער וועגעטאַריזם — — — — — — נתן חפשי

אַ פאָר ווערטער וועגן צמחונות (וועגעטאַריזם) — — — — — — ר׳. ב.

זיבן קי באַלאַדע (פאָעמע) — — — — — — — — — מלך ראַוויטש

פראַגמענטן איבער צער בעלי חיים — — — — — — פלוטאַרך

אַ פאַרגעסענע נבואה — — — — — — — — מנחם מאָרגנשטערן

דאָס קעלבל — — — — — — — — — מרדכי זאב פייערבערג

פון זייגע מעטאַמאָרפאָזן (פאָעמע) — — — — — — — — אָוויד

„שוחט השור מכה איש" — — — — — — — — — נ. ש. ד.

אין שלאַכט הויז — — — — — — — — — — — ל. נ. טאָלסטאָי

לידער — — — — — — — — — — מאיר זימל טקאטש

דער פרייז פון אַ פעלכל — — — — — — — — — סיידי סטעיוו

ביינאַכטיקע געסט (ליד) — — — — — — — — קאַדיע מאלאדאווסקי

דער רבי און דאָס קעלבל (אגדתא) — — — — — — — נ. ש. ד.

וועגעטאַרישער הימן — — — — — — — — — — י. פיראזשניקאף

פרינציפן־דערקלערונג

ביבליאָגראַפיע, באַגריסונגען, אַנאָנסן.

איצט, אַז דאָס ביכל איז גרייט צום דרוק, ווייל דער אידישער וועגעטאַרישער פאַראיין אויסדריקן זיין האַרציקסטן דאַנק צו עטלעכע חברים און חברות, וועלכע האָבן מיט זייער איבערגעגעבנהייט באמת מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס ביכל זאָל קענען דערשיינען.

דעם אמת געזאָגט, האָבן כמעט אַלע מיטגלידער פון א.וו.פ. צוגע־לייגט אַ האַנט צו דער אַרבעט. אַזוי ווי אָבער קיין סך פּלאַץ איז נישטאָ, וועלן מיר זיך באַנוגענען מיט דערמאָנען נאָר איינציקע פון זיי, אָט די וועלכע האָבן זיך צומייסטנס אויסגעצייכנט:

מאַקס (מענדל) גאָלדשטיין, — איינער פון די סאַמע ערשטע צו שטיצן דעם פאָרשלאַג צו דרוקן און פאַרשפּרייטן וועגעטאַרישע ליטע־ראַטור אויף אידיש. אַ לאַנגיאָריקער אַקטיווער טוער אין דער אידישער וועגעטאַרישער באַוועגונג. ניט נאָר האָט ער אַליין בייגעשטייערט אַ היפּשע סומע צו דער איצטיקער אויסגאַבע, נאָר ער האָט אויך געזאַמעלט באַדייטנדע סומעס פון אַנדערע. און כאָטש חבר גאָלדשטיין איז בכלל טעטיק אויף אַלע געביטן פון וועגעטאַרישער אַרבעט, צייכנט ער זיך אָבער אויס אויף דעם געביט פון זאַמלען געלט בפרט.

יעקב פיין, — איינער פון די גאָר חשובע מיטגלידער פון אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין. אַ מענטש, וועלכער איז אַלע מאָל גרייט מיט זיין צייט און געלט צו דינען דעם וועגעטאַרישן אידעאַל. חבר פיין איז אויך טעטיק אין דער פרייהייטלעכער באַוועגונג. זיין הויפּט אַרבעט, אָבער, איז פאַרן עטישן וועגעטאַריזם.

סאל לונדין, — אַ טעטיקער און געטרייער חבר אין דער אידישער וועגעטאַרישער באַוועגונג פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן. אַ חבר, וועלכער האָט שוין אַמאָל באַוויזן, אַז צו פאַרווירקלעכן זיין אידעאַל איז ער גרייט אויף גרויסע קרבנות...

איידע קאָהן, — איינע פון די חשוב׳סטע מיטגלידער אין אונדזער באַוועגונג. שוין אַ סך, אַ סך יאָרן, אַז אָט די שטילע חברה נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין יעדן געביט פון וועגעטאַרישער טעטיקייט. איר פריינטלעך הויז איז אַלע מאָל אָפן פאַר וועגעטאַרישע אונטערנעמונגען.

(אונדזער האַרציקסטער מיטגעפיל צו חברה קאָהן אויף דעם טויט פון איר טייערן מאַן מאַקס גאַלאָוועי).

עדוואַרד העללער, — אַן עטישער וועגעטאַריער שוין גאָר אַ סך יאָרן. אַ מענטש מיט אַ ברייט האַרץ און אָפענער האַנט פאַר וועגעטאַרישע אינטערעסן.

לאה מאַסט, — אַ וויכטיקע און טעטיקע מיטגלידערין אין אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין. אַקטיוו אויף יעדן געביט, וואו זי קען זיך נוצלעך מאַכן.

דאָ דאַרף אויך דערמאָנט ווערן הירש רייף, — איינער פון די גאָר ערשטע אידישע וועגעטאַריער אין ניו יאָרק. אַ לאַנגע צייט האָט זיך דער אומפאַרגעסלעכער חבר רייף אַרומגעטראָגן מיט אַ פלאַן אָנצושרייבן די היסטאָריע פון דער אידישער וועגעטאַרישער באַוועגונג אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן. דער טויט אָבער האָט אים אַוועקגעריסן פון אונדז נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן עפּעס טאָן אויף דעם געביט. כבוד זיין אָנדענק.

דעם הויפּט און חשובסטען פּלאַץ קומט דאָ אונדזער טייערן, פאַר־שטאָרבענעם חבר מנחם מאָרגענשטערן. ער האָט אַוועקגעגעבן זייער אַ סך צייט ביים העלפן אויפקלייבן דעם מאַטעריאַל פאַר דעם איצטיקן ביכל.

אַלע מיטגלידער פון אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין דריקן דאָ אויס זייער טיפסטן מיטלייד צו חברה בעקי שקלאָווער־מאָרגענשטערן אויף דעם גרויסן פאַרלוסט פון איר לעבנס־חבר מנחם. מיר שיקן אויך אונדזער טרייסט־וואָרט צו חיים מאָרגענשטערן, דעם איינציקן זון פון אונדזער פאַרשטאָרבענעם חבר. מיט שטאָלץ פלעגט אַלע מאָל דער טאַטע דער־מאָנען, אַז ער, חיים, איז דער אמתער וועגעטאַריער, ווייל ער איז פון געבורט אָן דערצויגן געוואָרן אויף וועגעטאַרישער שפּייז.

תיקון טעות

אויף זייט 49 דאַרף די באַמערקונג זיין: קלאַסישער דיכטער פון אַלטן רוים.

דער אידישער וועגעטאַרישער פּאַאיין פון ניו יאָרק איז געגרינדעט
געוואָרן אין יאָר 1907 און רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1939.

די כתבים וועלכע שטעלן צונויף אָט דאָס דאָזיקע
ביכל זיינען געזאַמלט געוואָרן פון אַ קולטור־קאָ־
מיטעט, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן ביי אַ
פאַרזאַמלונג פון דעם „אידישן וועגעטאַרישן
פאַריין פון ניו יאָרק״, נאָך אין יאָר 1946.
די פאָלגענדע חברים זיינען אין קולטור־קאָמיטעט:

שמואל דוד מאַט
מנחם מאָרגנשטערן
שלמה לאַנדין
נתן שמואל דייוויס

נאָכן טויט פון חבר מאַט איז באַשטימט געוואָרן:

ל. קאַנער

שמואל דוד מאט

יהי זכרו ברוך!

דער אידישער וועגעטאַרישער פאַריין פון ניו־יאָרק פילט עס ווי אַ זכיה צו ווידמען די דאָזיקע זאַמלונג צו איינעם פון די גאָר ערשטע פּיאָנערן אין דער וועגעטאַרישער באַוועגונג. זאָל דאָ נאָטירט ווערן, אַז חבר מאַט ז״ל האָט מיטגעהאָלפן אין אויסקלייבן דעם מאַטעריאַל, וועלכן דער לייענער האָט פאַר זיינע אויגן.

ער האָט זיך באַטייליקט אין זיצונגען פונעם קולטור־קאָמיטעט, און בייגעטראָגן מיט זיין קענטשאַפט צו יענע אַרבעטן, וועלכע זיינען איבערזעצט געוואָרן פון ענגליש.

מיר ווייסן, אַז אַט די ווידמונג איז ווייט ניט גענוג פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן, סיי אַלס בויער פון דער וועגעטאַרישער באַוועגונג און, סיי אַלס גרויסער הומאַניסט.

זיין אַלזייטיקע פערזענלעכקייט פאָדערט אַ ספּעציעלע אָפּ־האַנדלונג, אין אַ ספּעציעלער שריפט. מיר וועלן דידאָזיקע שליחות דורכפירן אַזוי שנעל ווי מיר וועלן זיין בכח דאָס צו טאָן.

ל ז כ ר

שמואל דוד מאט (1949—1880)

פון די ערשטע וועגעטאַריער און גרינדער פון דער אידישער וועגעטאַרישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

אַ מענטש פון טיפער און דערהויבענער מענטשלעכקייט. זיין האַרץ וואַרעם, און זיין קאָפּ קלאָר.

אין אַ דור פון גרעסטן אידישן חורבן, מענטשלעכע גע־פאַלנקייט און פאַרלוירענע חלומות האָט ער זיך אויסגע־צייכנט מיט די שענסטע מדות טובות, לויט דער אידישער טראַדיציע, אהבת־הבריות, עניוות, צדקות און רחמנות, הויכע גייסטיקייט און עטישער וועלט־באַנעם.

אויפן פרישן קבר פון מנחם מאָרגענשטערן

אומדערוואַרטעט האָט דער גרויזאַמער טויט אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען, איינעם פון די מוטיקסטע קעמפער פאַר יושר, צדק און אמת, און צוגלייך אַ מוטיקן פאַרטיידיקער פון דער וועגעטאַרישער אידייע.

מנחם מאָרגענשטערן איז געשטאָרבן אין סאַמע מיט פון קאָרעקטור־אַרבעט כּ״ן דעם דאָזיקן ביכל וואָס דער לייענער האָט איצט פאַר זיך. ער האָט ניט דערלעבט צו זען די פרוכט פון זיין זריעה, וואָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון שווערער מיזאַמער אַרבעט אין משך פון יאָרן, ביים אָפּקלייבן דעם מאַטעריאַל.

ער איז געווען פול מיט ברויזענדיקן אימפּעט פאַר אַ רייע אידעאַלן, אַריינגערעכנט דעם חלום און די האָפענונג אַרויסצוגעבן אַ רייע ביכער, פאַמפלעטן צו באַווייזן די לאָגיק און דעם אמת פון דער וועגעטאַרישער פילאָזאָפיע. אָט זיינען אַ טייל אידעאַלן פאַר וועלכע ער האָט אומדער־מידלעך געקעמפט:

האַלטן ריין און באַרייכערן די אידישע שפּראַך; אָפּהיטן (אויף זיין שטייגער) אידישע יום־טובים; קעמפן פאַר דעם העכערן באַגריף פון עטישן סאָציאַליזם, און ניט דעם מאַטעריאַליסטישן;

בויען מדינת ישראל — ממש מיט מסירת נפש — אָבער ניט גלאַט אַזוי אַ מלוכה, נאָר אין גייסט פון די נביאים; אָן אויפהער פּרעדיקן אַ הומאַניטאַריש לעבן — ניט אויף דעם חשבון פון לעבעדיקע ברואים בכלל, און אַפילו פאַרדינען אויף ברויט — מוז עס זיין אין די ראַמען פון העכסטער עטישער ערליכקייט.

מנחם מאָרגענשטערן האָט ביז זיין לעצטן אָטעם פון זיין לעבן, מיט אַ באַזונדערער טיפער איבערגעגעבנקייט געהאָלפן אין דעם צו־זאַמענשטעל פון אָט דעם ביכל. ער איז געווען איינער פון די גרינדער און בויער פון דער וועגעטאַרישער באַוועגונג אין אַמעריקע.

איצט פעלט ער אונדז אויס. ער פעלט אויס דער משפחה און זיין געטרייע לעבנסבאַגלייטערין בעקי שקלאָווער, ער פעלט דער הסתדרות, דעם פּועלי־ציון צווייג וואו ער איז געווען אַקטיוו, נאָר ווי ליב ער האָט ניט געהאַט אָט די אויסגערעכנטע אינסטיטוציעס, האָט ער געפונען אַ באַזונדערע צופרידנקייט אין מיטאַרבעטן מיט חברים וועגעטאַריער.

ער וועט דעריבער אַממערסטן פון אַלעם אויספעלן אונדז, דעם „אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון ניו יאָרק".

מיט כבוד וועלן מיר אים געדענקן!

נתן שמואל דייוויס

אַ ר י י נ פ י ר

„דער אידישער וועגעטאַרישער פאַראיין פון ניו־יאָרק״, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1909 און איז רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין 1939, איז טעטיק אומאונטערבראָכן, פאַר די לעצטע 12 יאָר צייט. ער טרעט איצט אַריין אין אַ נייעם אַקטיוון קולטורעלן פעריאָד. די סיבה דערפון, וואָס מיר זיינען אין משך פון דערדאָזיקער צייט ניט געוואָקסן אין צאָל, איז, ווי עס ווייזט אויס, דער מאַנגל אין וועגעטאַרישער פּראָפּאַגאַנדע ליטעראַטור, אָבער באין אופן ניט דערפאַר, וואָס די אידייע לאָזט זיך ניט פּראַקטיש אָננעמען אָדער זי איז ניט אויסגעהאַלטן טעאָרעטיש.

מיר זיינען זיכער, אז אונדזער אידעאַל וואָלט, דורך דעם געדרוקטן וואָרט, געקענט צוציען סיי אַ גרעסערן אַלעגמיינעם עולם, סיי היבשע טיילן פון דער אידישער אינטעליגענץ. אונדזער וועגעטאַרישער אידעאַל איז באַזירט אויף דער דערקענטעניש פון דער חשיבות פון אַלץ, וואָס „לעבט און שוועבט צווישן הימל און ערד״. דערפאַר פילן מיר: ניט נאָר רחמנות צו אַלע באַשעפענישן אויף אונדזער וועלט, נאָר מיר אָנערקענען אויך זייער רעכט אויף לעבן, צוגלייך מיט דעם בן־אדם.

מיר גלויבן אויך אַז זייער לעבן, ווי אונדזערס, האָט אַ צוועק, אַ ציל, איטלעכער מענטש, וועלכער שטרעבט צו אַ בעסערער, העכערער מאָראַלישער־ריינער מענטשהייט, דאַרף זיך פאַרטראַכטן אויך וועגן דעם אַלץ־אַרומפאַסנדיקן באַטייט פון „לא תרצח״. און דערביי אַרויסרופן אין זכרון דעם „אַרנאַמענט״, וואָס באַצירט אונדזערע שטעט — דאָס שלאַכט־הויז.

צוליב דעם פּראָפּאַגאַדירן מיר ניט דעם וועגעטאַריזם פון געזונט־שטאַנדפונקט.*)

---

*) מיר לייקענען ניט אָפּ די גוטע ווירקונג פון דער וועגעטאַרישער נאַרונג אויף דעם געזונט פון מענטשן, אָבער מיר לאָזן איבער די דאָזיקע ווינסשאַפטלעכע פּראָבלעם צו די פּראָפעסיאָנעלע מעדיקער.

עס געפינען זיך אַ היבשע צאָל מעדיצין־דאָקטוירים אין אונדזערע רייען. אַ היבשער טייל מיט אַ גרויסער רעפּוטאַציע, באַרימט אין פאַרשיידענע לענדער פון

מיר זיינען עטישע וועגעטאַריער. פונקט ווי עס איז דער חוב פונעם יחיד אַריינצוברענגען דעם עלעמענט פון עטיק, יושר, און גערעכטיקייט אין די פאַרשיידענע פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, אינעם סאָציאַלן לעבן, אַזוי האַלטן מיר פאַר אונדזער חוב אַריינצוברענגען דאָס מאָראַלישע, עטישע אין דעם סדר פון אונדזער דערנערונג אַ סדר, וואָס מוז האָבן די גרעסטע השפעה אויף אונדזער גאַנצן, גייסטיקן, פסיכישן ווי מאָראַליש־עטישן איינשטעל. דאָס ווערטל, אַז דער „מענטש איז וואָס ער עסט" קריגט אין וועגעטאַריזם דעם אמת'ן תיקון.

אַ בלוטלאָזע דיעטע מוז ענדלעך פירן צו אַ וועלט אָן בלוט־פאַר־גיסונג צווישן מענטשן, ס'איז דאָ אַ נאָענטע שייכות צווישן שלאַכט־הויז און שלאַכטפעלד.

איינע פון פילע טעטיקייטן פון „אידישן וועגעטאַרישן פאַריין פון ניו־יאָרק" וועט פון איצט אָן זיין דאָס דרוקן אַ ריי פאַמפלעטן און ביכער. אָט דאָס ביכל איז דאָס ערשטע פון אַ סעריע איבער וועגעטאַריזם.

מיר פילן די נויטיקייט צו פאַרעפנטלעכן אָפּהאַנדלונגען, עסייען, דערציילונגען, צווישן זיי אַ גרויסע צאָל וואונדער־מעשיות וועגן חיות, ווי די נאָענטע פריינט פונעם מענטשן.

די דאָזיקע וועגעטאַרישע ליטעראַטור וועט קלאָר מאַכן די שטרעבונגען, אויפגאַבן און צילן פונעם עטיש־פילאָזאָפישן וועגעטאַריזם. עס וועט ברענגען קלאָרקייט צו יענע וואָס זיינען גענייגט אָנצונעמען די אידייע און פאַר זיי אויפקלערן די אונטערשיידן צווישן דעם אמת'ן וועגעטאַריזם און דעם פסעוודאָ־וועגעטאַריזם פון די כלומרשטע וועגעטאַריער, ווי למשל, יענע, וואָס באַצייכענען זיך ווי פיזישע קול־טוריסטן און אַנדערע.

דער וועלט. טייל פון זיי האַלטן, אַז אַ וועגעטאַרישע דיעטע האָט דעם פאָרצוג איבער דער געוויינלעכער פלייש דיעטע. מיר, עטישע וועגעטאַריער פאַראַדירן ניט מיטן וואָרט „געזונט", מחמת דאָס געזונט פון יחיד הענגט ניט אָפּ בלויז פון עסן, עס איז ענג געקניפּט און געבונדן מיט די עקאָנאָמיש־סאָציאַלע באַדינגונגען אין וועלכע מיר לעבן.

דער וועגעטאַריזם אין זיין ענדגילטיקער דורכפירונג, קאָן באַאיינפלוסן די געזעלשאַפט צו דער העכסטער מדרגה פיזיש, ווייל ער לערנט אונדז צו לעבן — אַ פשוט לעבן.

מצוה גוררת מצוה, פשוט עסן וואָס מאַמע ערד גיט אַרויס, פירט צו ניט ניט רויכערן, ניט טרינקען שטאַרקע געטראַנקען, ניש עסן קיין קאָמפּליצירשע, קאָמערציעל צוגעגרייטע שפייזן, עס מיינט די אידעאַלע געזעלשאַפט.

מיר וועלן זיך אָפּטיילן פון אָט די כל המינים גרופּן, וועלכע פּאַרטייטשן ניט ריכטיק און מיסרעפּרעזענטירן די אידייע פון וועגע־טאַריזם.

די סעריע ביכער וועט אויך באַפרידיקן דעם דורשט נאָך וויסן ביי אונדזערע חברים וועגעטאַריער, און אַ גרויסע צאָל סימפּאַטיקער פון דער אידייע. דערפאַר זיינען מיר זיכער, אַז די חברים וועלן מיט ליבע אויפנעמען אָט די שריפט און העלפן דערמעגלעכן דאָס אָפּדרוקן די ווייטערדיקע ביכער און בראָשורן פון דער סעריע. ווען די סעריע וועט זיין אָפּגעדרוקט וועט עס, גלויבן מיר, זיין אַ וויכטיקער ביישטײַער צו דעם אוצר פון בעסערער הומאַניסטישער ליטעראַטור.

מיר גלויבן, אַז עס וועט אויך זיין אַ וויכטיקער אויפטו און אַ צושטייער צו דער אידישער ליטעראַטור דאָס ברענגען צו דער אידישער עפנטלעכקייט דעם וועגעטאַריש־עטישן מאָמענט אין לעבן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן אין פאַרשיידענע צייטן פון דער מענטשלעכער געשיכטע, אָנהויבנדיק פון דער בראשית׳דיקער עפּאָכע ביז צו דער היינטיקער צייט.

אָט־די פּאָרטרעטן פון אַזעלכע גדולי הדור ביי פאַרשיידענע פעל־קער און דער עיקר ביי אידן וועלן בילדלעך באַווייזן, אַז שטרעבונגען צו אַ שלימות׳דיקער מענטשהייט מוזן אויך אויך אַריינגעמען די אידייע פון וועגעטאַריזם.

* * *

דער לייענער וועט באַמערקן אַ רייע לידער פון דיכטער, שרייבער, וועלכע זיינען ניט קיין וועגעטאַריער. זייערע לידער אָבער, זיינען געשריבן געפילפול און מיט רחמנות צו די שטומע באַשעפענישן.

מיר דרוקן זיי, ווייל זיי קאָנען מעגלעך באַאיינפלוסן דעם לייענער צו העכערע, פיינערע געפילן, און אַ מער געריכטערע באַציאונג צו יענע באַשעפענישן, וועלכע קאָנען זיך ניט פאַרטיידיקן קעגן מענטשנס אָנפאַל.

דאָס וואָס זיי זיינען ניט קיין וועגעטאַריער איז זייער זאַך, ס׳איז זייער געוויסן. אונדזער זאַך איז: דורכפירן אונדזער שליחות. ס׳איז די וועגעטאַריער אָנפאַרטרויט געוואָרן די שליחות פון פאַרטיידיקן די שטומע ברואים און ברענגען צו דעם געזעלשאַפטלעכן געוויסן דעם אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען לגבי די שוצלאָזע (ווי אָפט געפינט זיך דער מענטש אין אַן ענלעכע לאַגע).

מיר גלויבן באמונה שלימה אין בהדרגהדיקן פּראָצעס פון מענטש־לעכן דענקען. אונדז זיינען באַקאַנט אַ גרויסע צאָל אידישע אינטעלי־גענטן, שרייבער, לערער, געוועזענע וועגעטאַריער וואָס האָבן זיך ענדליך ווידער, סוף־כל־סוף צוריקגענומען צום וועגעטאַריזם.

דערציילט מ׳ען, ווי אייניקע וועגעטאַריער האָבן געשטויגט און זיך געחידושט, וואָס דער גרויסער דענקער און אַנאַרכיסט, פּעטער קראָפּאָטקין, אויטאָר פון אַ מאָנומענטאַל ווערק „קעגנזייטיקע הילף ביי חיות״ איז ניט דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ בלוטלאָזער דיעטע און ווען זיי האָבן אים געשטעלט די פראַגע: היתכן, ס׳טייטש? ווי קומט עס וואָס איר, וועלכער האָט „דערהויבן״ די חיה צו דינען אַלס ביישפּיל פאַר דעם מענטשן און, אַז עס עקזיסטירן קאָאָפּעראַציע אַטרי־בוטן, ניט נאָר ביי מענטשן נאָר אויך ביי חיות, ווי קומט עס, אַז איר, האָט ניט אָנגענומען און פּראַקטיצירט דעם וועגעטאַריזם?

אויף דעם האָט קראָפּאָטקין געענטפערט:

— איך זע איין, און גיב צו, אַז צווישן די פאַרשיידענע עוולות, וועלכע איך בין באַגאַנגען אין מיין לעבן, איז מיין ניט אָננעמען דעם וועגעטאַריזם איינע פון די עוולות...

פון דעם איז צו זען, אַז אונדזער גלויבן אין דער וועגעטאַרישער אידייע איז אַ ריין עטישער. אין דער שריפט דרוקן מיר אָן עסיי „וועגן פלייש עסן״ פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט, אַ הייסער פאַרטיידיקער פון די שטומע ברואים, — דאָס איז דער באַרימטער גריכישער פילאָזאָף און ביאָגראַף — פּלוטאַרך.

* * *

פּלוטאַרך, וועלכער האָט געלעבט און געווירקט אין די יאָרן 40—120 נאָך דער קריסטלעכער צייטרעכענונג האָט געשאַפן אַ גרויסע צאָל ווערק, וואָס זיינען פון גרויס וויכטיקייט, סיי פאַר דעם איצטיקן דור, סיי פאַר די קומענדיקע דורות. אַזוי זיינען איבערצייגט טייל געלערנטע, וואָס האָבן געמאַכט אַ געניטעם שטודיום פון פּלוטאַרכס ווערק.

אַלע זיינע שריפטן זיינען דורכגעדרונגען מיט עטישקייט. ער איז געווען אַ רעליגיעזע נאַטור. און דאָ און דאָרט טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דעם אַטעאיזם.

ער לערנט מלוכה־לייט ווי צו האַנדלען אין קריטישע צייטן, אַזוי, אַז עס זאָל ניט קומען צו קיין רעוואָלט, צו כאַאָס, צו קיין פאַרניכטונג פון מענטשלעכע לעבנס און פון אייגנטום. ער ווייזט אָן, ווי אַזוי עס קומט צו מענטשלעכער בלוט־פאַרגיסונג. ער גלויבט, אַז דער מענטש האָט אָנגעהויבן מיט מאָרדן איין חיה, פון איין מין, נאָכדעם אַ צווייטע, און פון אַלע מינים, ביזוואַנען ער איז דערגאַנגען צו זיין מיט־מענטש אויפן זעלבן אופן, צוערשט איין מענטש, אַ צווייטן, ביסלעכווייז איז ער איבערגעגאַנגען צו מלחמה.

פלוטאַרך איז געווען אַזוי טיף דורכגעדרונגען מיט ליבע און מאָראַלישע באַציאונג צו אַלץ, אַז ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע פעאיקייטן צו באַווייזן דער וועלט, אַז חיות זיינען באַשאָנקען פון דער נאַטור מיט די זעלביקע מתנות וואָס דער מענטש. זיי באַזיצן שכל אויף בויען הייזער פאַר זיך, אויף פאַרטיידיקן זיך און זייערע קינדער. פשוט, ער איז איבערצייגט אַז זיי קענען טראַכטן. אויב אַזוי וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר צו — פאַרטיליקן דאָס וואָס די נאַטור האָט באַשאַפן?

מער פון אַלץ איז ער אָבער באַרימט געווען אַלס היסטאָריקער און ביאָגראַף; צווישן זיינע באַרימטע ביאָגראַפיעס געפינען זיך אַזעלכע ווי: יוליוס צעזאַר און אַלעקסאַנדער מוקדון. די סיבה פון זיין באַרימטקייט, באַמערקט איינער פון די היסטאָריקער איז, וואָס זיינע ביאָגראַפיעס זיינען אמתע פּאָרטרעטן.

* * *

און ווי אַ לעצט וואָרט, ווילן מיר זאָגן: זאָל דאָס דאָזיקע ביכל אויפגענומען ווערן מיט כּבֿוד און ליבע, זאָל דאָס באַטראַכט ווערן אַלס אַן אָנהויב. און אַן אָנהויב איז ניט פריי פון חסרונות. עס פאָדערט זיך מיטהילף פון יעדן חבר־וועגעטאַריער און אמת־זוכער.

מיר ווייסן, אַז עס פאָדערט זיך אַ טיפע ענדערונג אין דער טאָג־טעגלעכער רוטין, ווי אין גייסטיקן לעבן פון דעם אינדיווידואום און אָט דאָס זיינען מיר מודה, איז ניט גרינג. אָבער, איר וועט קאָמפּענסירט ווערן; איר וועט באַקומען אייער שכר, ווען נאָר איר וועט זיך דערמאָנען, אַז איר זייט ניט קיין שותף אין מאָרד און בלוט־פאַרגיסונג, אין דער בלוטיקער סעודה פון טויטע קערפּערס, אייער וויסן וועט זיין רייכער, אייער געוויסן — ריינער, און אייער באַוואוסטזיין — מענטשלעכער.

מלך ראַוויטש

זכרונות און רעיונות

אַ פריינט און א חבר־וועגעטאַריער, חבר ג. ש. דייוויס, פֿאָדערט מיך אויף צו שרייבן אַ באַגלייט־וואָרט פֿאַר אַ וועגעטאַרישער זאַמלונג. וואָס איך מיר די הענט פֿון אַלע אַנדערע שרייבענישן און איך זעץ מיך אַוועק צו אָט דער שטילער, איינזאַמער ווערטער־סעודה...

...אין פֿרילינג 1912 בין איך, צו מיינע אַכצן־ניינצן יאָר געוואָרן אַ וועגעטאַריער. אַ פריינט האָט זייער פּאַטעטיש דער־צו מיך אויפגעפּאָדערט, איך האָב מיט אַ שמייכל צוגעשטימט און זיך געוואונדערט, פֿאַרוואָס יענער מאַכט אַזעלכע קולות... צוויי־דריי יאָר שפּעטער האָט יענער שוין ווידער פֿלייש געגעסן, איך האָב אויסגעהאַלטן מיט דעם זעלבן שמייכל, מיט וועלכן איך בין אַ וועגעטאַריער געוואָרן אַלע די יאָרן און אַזוי ביזן סוף פֿון מיין לעבן (און אַפילו נאָכן סוף, ווייל נאָכן סוף וועלן קיין ווערעם מיך נישט עסן און נישט איך זיי... דורך אַ צופֿאַל, האַלט איך פֿון פֿאַרברענונג. אויך די אינדיער, אונדזערע צאָלרייכסטע חברים אויף דער וועלט, האַלטן דערפֿון. אָבער לאָמיר רעדן וועגן פֿריילעכערע זאַכן).

ווי האָב איך געזאָגט? „אויסגעהאַלטן". דאָס איז נישט קיין ריכטיק וואָרט. אַן אמתער וועגעטאַריער דאַרף נישט „אויסהאַלטן", דאַרף בכלל זיין וועגעטאַריזם נישט פֿילן — אָט אַזוי ווי לופֿט, ווי וואַסער, ווי ליכט. וועגעטאַריזם איז אַזוי נאַטירלעך ווי זיי זענען. יאָ, איך האָב „אויסגע־האַלטן" — דריי יאָר מיליטער־דינסט אין יענעם קריג, כמעט אַ יאָר אין אַלע מיינע רייזעס אויף שיפֿן, און בכלל צענדליקער יאָרן בייטן אַלעמאָל נייע לענדער, קלימאַטן און דערנערונגס־אופֿנים. וואָרעם וועגעטאַריזם איז אַזוי ווי לופֿט, גוטע לופֿט צום אָטעמען אי פֿאַרן גוף און אי פֿאַר דער נשמה... שלעכטע לופֿט דערפֿילט מען, דערפֿילט דאָס גאַנצע וועזן באַלד, גוטע לופֿט דרינגט שווייגנדיק און שטיל דורך דיין גאַנץ וועזן. דו פֿאַרגעסט, אַז עס איז דאָ לופֿט אויף דער וועלט... אַן אמתער וועגעטאַריער דאַרף קיינמאָל נישט געדענקען, אַז ער איז עס. אין בעסטן פֿאַל דאַרף ער אַמאָל יענעם דערמאָנען, אַז ער דאַרף עס אויך זיין... אָבער אַליין דאַרף ער נישט געדענקען.

אַמאָל האָט מען מיך איינגעלאַדן אין אַ שטוב, פֿאַרזיכערט וועגע־טאַרישע שפּייז. אַז איך בין געקומען האָט מען מיר די באַליבטאָסטע דערלאַנגט „וועגעטאַרישע פֿיש". איך האָב עס נישט געגעסן, ווייל פֿאַר מיר איז עס געווען מוקצה מחמת מיאוס... אַ וועגעטאַריער, וואָס געדענקט, אַז ער

עסט נישט קיין פיש — טויג נישט. זאָל ער בעסער עסן. מיר וועלן צוואוואַרטן אויף אים נאָך אַ הונדערט יאָר. מיר האָבן צייט. מיר זענען סיי ווי אַ גרופּע, וואָס איז שוין געווען 21 יאָר־הונדערטער פאַר קריסטוס און אונדזער צייט וועט ערשט קומען אין איין און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט פון אונדזער צייט־רעכענונג... אַן אמתער וועגעטאַריער לייגט זיך נישט נאָר נישט קיין פייגעלעך אין מויל, נאָר אַפילו קיין „פייגעלעך אין בוזים" — פייגעלעך פון אומזיסטער האָפענונג — לייגט ער זיך אויך נישט. ער ווייסט, אַז ער איז אַן אַוואַנגאַרד פון אַן אידייע, וואָס איז געווען איינע פון די ערשטע אין דער וועלט — דער חומש איז אַן עדות דערויף, אָט דער חומש, וואָס איז פול מיט פּראָבלעמען פון בלוט אַלס נפש — און וועט זיין די לעצטע.

נאָר איין זאַך ווייסן מיר, וועגעטאַריער, אַז עס איז שוין נענטער ווי ווייטער. פיר טויזנט יאָר וועט עס אונדז שוין מער נישט אויסקומען צו וואַרטן אויף דער פאַרווירקלעכונג פון אונדזער אידעאַל. הונדערט יאָר אָבער פאָרט. נו, אַז מיר האָבן שוין פערציק יאָרהונדערטער געוואַנדערט אין דעם מדבר פון דער וועלטגעשיכטע וועלן מיר שוין צוואַרטן נאָך איין יאָרהונדערט...

קעגנער פון וועגעטאַריזם האָבן הונדערט און איינס גרייטע אַרגומענטן קעגן איינעם פון אונדז, איינער פון די פּאָפּולערסטע איז: אַלץ לעבט דאָך. לעבן דען נישט די גראָזן, די פרוכטן, דאָס קאָרן? דערויף ענטפער איך: אמת. און איך ווייס עס. אָבער אין דער יוריסטיק זענען פאַראַן גראַדן פון מאָרד. ערשטער גראַד, צווייטער. און הרגענען אַ ברודער־אָקס איז אַ מאָרד פון פערטן, צי פינפטן גראַד. און הרגענען גראָזן איז אויך אַ מאָרד, אָבער פון צוואַנציקסטן גראַד. נו, וויל איך בעסער באַגיין דעם גראַד מאָרד... לעבן מוז מען דאָך.*)

אַ זאַמלונג וועגעטאַרישע זאַכן אין יידיש? איצט, איצט אין מיטן דער

---

*) מיר שטימען נישט איין מיט דעם חשובן דיכטער. כאָטש פלאַנצן און גראָזן געהערן צו דער אָרגאַנישער וועלט, זיינען זיי נישט עמפינדלעך צו פיזישע ווייטיקן ווי חיות, בפרט נאָך די מאַמאַלן. אגב אורחא, איז דער מענטש ביי דער איצטיקער מדרגה פון זיין מאָראַלישער אַנטוויקלונג נישט דערוואַקסן אָדער פייאיק צו האָבן דעם זעלביקן געפיל פון צער בעלי חיים בנוגע געוויקסן ווי ער האָט עס שוין אַפילו איצט צו די מערסטע לעבעדיקע באַשעפענישן, כאָטש ער עסט נאָך זייער פלייש. עס איז כדאי צו דערמאָנען דעם שלאָגנדיקן ענטפער וואָס א. ד. גאָרדאָן ז"ל האָט געגעבן אויף דער קשיא: ער ווייזט אָן, אַז האָר און נעגל וואַקסן אויך און דאָך טוט זיי נישט וויי ווען מיר שניידן זיי אָפּ. קיינער פון אונדז פילט נישט, אַז ער באַגייט אַ מאָרד ווען ער עסט למשל, אַן עפּל אָדער אַ קאַרטאָפל. רעדאַקציע

אויסשעכטונג פון אייגענע ברידער — וואָס פאַר אַ ווילדער קאָנטראַסט? עס איז טאַקע מאָדנע. אָבער פאַרגעסט נישט, אַז מיר זענען אייניקלעך פון די איסיים פון פאַר צוויי טויזנט יאָר... און נישט נאָר די טאַטן פון די איסיים דערמאָנט אונדזער טאַט. זי דערמאָנט מיך אַ שפּיל פון מיין קינדהייט. דאָס שפּיל האָט געהייסן „גרין״. עס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די שפּילער האָבן אַלעמאָל געמוזט האָבן עפּעס גרינס אויף זיך. און טאָמער האָבן זיך חברים פון דער גרין־שפּיל געטראָפן האָבן זיי זיך געהיימערהייט אָנגעוויזן אויף די גרינסן אין זייערע קליידער, קעשענעס, הענט. די וועלט אַרום איז געווען אַ ניכטערנע, טרוקענע וועלט, נאָר מיר, קינדער זענען אַרומגעגאַנגען און געזוכט גרין... און אין אָט דעם אייביק זוכן גרין איז געווען אַזויפיל שיינקייט, די אמתע שיינקייט און פרייד פון לעבן. דער אמת פון לעבן. דער אמת פון גאָט, וואָרום זיין אמת איז פרייד און לעבן... און אַז איך שרייב היינט די ווערטער, אַ הקדמה צו אַ גרינער זאַמלונג, דערמאָנט זיך מיר יענע קינדער־שפּיל. יאָ, מיר, גרינע, באַגעגענען זיך אינמיטן אַ בלוטיק־ניכטערנער וועלט מיט אונדזער לאָזונג „גרין״... און כאָטש מיר ווייסן אַז אונדזער לאָזונג איז אַזוי וועלט־פרעמד היינט, ווייסן מיר אָבער, אַז דאָס וועט זיין דער סאַמע נאָענטסטער און שטאַרקסטער לאָזונג — מאָרגן, אין מאָרגנדיקן יאָרהונדערט. מיר ווילן אויך דעמאָלט לעבן, מיר — גרינע — ווייסן דאָס געטרייער ווי די נישט־גרינע. מיר זענען נענטער צו לעבן און אויך צו דער אידייע פון דער אייביקייט פון לעבן.

מיר זענען נישט קיין פּאַרטיי. מיר שלעפּן קיינעם נישט ביי די פּאָלעס אין אונדזער גן־עדן אַריין. מען דאַרף נישט שלעפּן ערשט, אונדזער גן־עדן איז דאָך די גאַנצע וועלט, אונדזער גן־עדן איז דאָך באמת אַלעמענס, אַלעמענס, וואָס האָט אויגן און הערצער...

מיר קלאַפּן נאָר שטיל אָן אין טירן פון הערצער, פון נשמות און מיר זאָגן: — עס איז צייט. עס איז אַלעמאָל צייט געווען און עס איז אויך איצט צייט אָנצוהויבן אַ ניי, גרין לעבן. עס וועט אייך געבן אַזויפיל פרייד. און וואָס וויניקער איר וועט טראַכטן וועגן דעם — אַלץ מער פרייד... יאָ — און אַזוי וועט עס זיין: נאָך דעם ווי אַלע טויזנט דער־לייזונגס־אידייען וועלן די וועלט נישט אויסלייזן וועט קומען איינער, דער גרויסער, שטילער, גרינער אויסלייזער, און שטיל וועט ער אַ קלאַפּ טאָן אין אַלע מיליאָנען טירן פון נשמות אויף איין מאָל, שטיל מיט זיין טויזנט און ערשטער אידייע — אונדזער גרינער, פּשוטער אידייע פון אָנהויבן אויף אַן אמת צו רעספּעקטירן גאָט, די זון און דעם זין פון לעבן, דאָס לעבן אליין. און מען וועט דערהערן...

נתן חפשי

א. ד. גאָרדאָן און דער וועגעטאַריזם

איינע פון די זאַכן, וואָס מאַכן מער בולט א. ד. גאָרדאָן און זיין לערע, איז דאָס אָנגעשטרענגטע זוכן פון אַן אומפּאַסנדיקן, גאַנצן מענטשלעך־קאָסמישן וועלט־באַנעם — לויט ווי ער אַליין האָט עס אָנ־גערופן. גאָר זיינע שריפטן, זיין גאַנצע נאַציאָנאַל־אידיש־מענטשלעכע וועלט־אָנשויאונג, און אין הסכם דערמיט זיין גאַנץ טאָג־טעגלעך לעבן, זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דעם דאָזיקן שטאַרקן שטרעבן. גאָרדאָן

אהרן דוד בן אורי גורדון

האָט גוט געזען, אַז די חולאתן פון דער מענטשהייט, באַזונדערס די קראַנקייטן פונם פאָלק ישראל קאָן מען נישט קורירן טיילווייז, איינזייטיק, מיט אויבערפלעכלעכע מיטלען, וואָס רירן אָן די סימפּטאָמען אָבער פאַרקוקן די סיבות פון דער קראַנקייט. לויט זיין מיינונג זיינען טאַקע די דאָזיקע טיילווייזיקייט, איינזייטיקייט, אָפּגעריסנקייט פון דער נאַטור פון דעם קאָסמאָס און זיין איינהייט, דאָס איינשליסן זיך פון דעם מענטשן אין זיין שאָלעכץ, באַזונדערס אין די גרויסע שטעט צווישן די מויערן וועלכע דערשטיקן אַלדאָס לעבעדיקע — דער מקור און דער שורש פון דער חולאת, און מען דאַרף היילן און פאַרריכטן דעם בראָך פון פאָלק און מענטש פון גרונט אויס. „אַ ניי לעבן און אַ נייעם מענטשן — אָט וואָס די זעל זוכט". (באַנד 5 פון א. ד. גאָרדאָנס כתבים, בריוו צו מ. ב., זייט 94).

א. ד. גאָרדאָן בלייבט נישט שטיין אין תחום פון מענטשן בלויז. דער תמציתדיקער מהות פון זיין מענטשלעך־קאָסמישן וועלט־באַגריף דריקט זיך אויס אין די דאָזיקע ווייניקע ווערטער: „דאָס צונויפגיסן זיך פון דעם מענטשלעכן לעבן מיט דעם וועלט־לעבן, און פון דעם מענטשלעכן שאַפן — מיט דער אוניווערסאַלער יצירה"

(דאָרט, אין זעלביקן בריוו)

פון די וואָס דרשענען שיין און פירן אַליין נישט דורך דאָס, וואָס זיי פּרעדיקן איז א. ד. גאָרדאָן געווען ווייט כרחוק מזרח ממערב. זיין גאַנצע תורה און זיין גאַנץ טאָג־טעגלעך לעבן זיינען געווען אין הסכם מיט איין אָנגעשטרענגטער און מעכטיקער פאַרווירקלעכונג, מיט דעם פאַרוואַנדלען דאָס געוואָלטע און געוואונטשענע אין אַ לעבעדיקער ווירקלעכקייט ממש. דער איבערגאַנג פון דער גרינגער פּראָפעסיע פון פען־אַרבעט אין אַ ביוראָ, אין אוקראַינע, צו דעם געביט פון דער שווערער פיזישער אַרבעט מיט אַקער און רידל אין דעם הייסן ארץ־ישראל קלימאַט, אונטער די שווערע און דערדריקנדיקע באַדינגונגען פון אַן אַגריקולטור־טאָג־לוין־אַרבעטער נאָך דעמאָלט מיט אַ פופציק יאָר צוריק בערך און ווען ער איז שוין אַליין געווען קרוב צו פופציק יאָר אַלט, און צוזאַמען דערמיט דאָס גייסטיק־זעלישע וואַקסן און אַנטוויקלען זיך, וואָס האָט אַלץ שטאַרקער זיך צעבליט אין גאָרדאָנען זייט ביי זייט מיט זיין פאַרוואָרצלט ווערן אין דער פיזישער האָרעוואַניע אין גאָרטן און אין פעלד — דאָס אַלץ זאָגט עדות אויף אַ דרייסטער זעלבסט־פאַר־ווירקלעכונגס־טאַט, וואָס דאַרף און קאָן דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַ סך, פאַר איטלעכן, וואָס שטרעבט צו אַ גאַנצן און אמתדיקן לעבן אין דער מאָס, וואָס איז נאָר מעגלעך פאַר דעם בן־אדם.

עס איז געווען אַ נאַטירלעכע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך דאָס, וואָס גאָרדאָן איז געווען אַ געטרייער וועגעטאַריער. דער וועגעטאַריזם איז פאַר אים נישט געווען קיין באַזונדערע תורה, עפּעס וואָס איז אָפּגע־טיילט פאַר זיך, נייערט, לויט ווי גאָרדאָן האָט זיך אויסגעדריקט און עס מסביר געווען אין זיין אויספירלעכן בריוו איבער דעם וועגעטאַריזם:

„דער וועגעטאַריזם, אויב מ׳זאָל זיך צו אים באַציען מיט דער געפאָדער־טער ערנסטקייט, איז איינער פון די טאָמע עיקרדיקע ערשטע פונקטן אין דער רעאַליזירונג פון אַ נייער באַציאונג צו דעם לעבן און צו דער וועלט בפועל ממש, אָט די נייע באַציאונג, וואָס מיר זוכן אין אונדזער אַרבעט, אין אונדזער דערנענטערן־זיך צו דער נאַטור און אין אַלץ וואָס מיר טוען פאַר דער באַנייאונג פונם לעבן״.

(אַ בריוו איבער דעם וועגעטאַריזם, באַנד 5 פון גאָרדאָנס שריפטן, דף 100).

דעם מענטשן, וואָס זוכט און שטרעבט צום גוטן, צו דעם שלום צווישן מענטשן קומט אויס צו הערן פון צייט צו צייט די באַוואוסטע טענה: נו, און וואָס זאָל מען טאָן ווען מען באַפאַלט דיך? דו ווילסט טאַקע שלום און רואיקייט, אָבער ווען דיינע שלעכטע שכנים האָבן בדעה דיר שלעכטס צו טאָן טאָ מוזטו דאָך זיך באַשיצן קעגן זיי! דו טאָרסט זיך ניט סומך זיין אויף אילוזיעס פון שלום און ברידערלעכקייט צווישן פעלקער און מענטשן. דו מוזט תמיד זיך גרייטן, זיך באַוואָפענען, זיך איבן אין דער מאָרד־מלאכה, און דאָס אַלץ לשם זעלבסט־פאַרטיידיקונג; אינעם נאָמען פון שלום.

הערנדיק דאָס אַלץ רייסט זיך פון זיך אַליין די קעגן שאלה: לאָמיר אויף אַ רגע צוגעבן, אַז דו ביסט גערעכט, אַז מיר דאַרפן זיך גרייטן צו מלחמה כדי צו באַשיצן דעם שלום און די זיכערקייט, אָבער, זייט אַזוי גוט און זאָגט אונדז וואָס פאַר אַ סכנה שטייט אונדז פאַר מצד דער אומשולדיקער קו, דעם לוסטיקן און ליבלעכן קעלבל, דער חנעוודי־קער טויב, דער הון, וואָס פירט נאָך זיך די מחנה פון אירע עופהלעך־קינדערלעך, דעם האָן, וואָס קרייט מיט זיין הייזעריקן, קינדערשן קול, מצד די זינג־פויגל און די איבעריקע פרידלעכע בעלי־חיים — וואו איז דאָ די סכנה פאַרן פאָלק, פאַר דעם היימלאַנד און פאַר דעם יחיד מצד אונדזערע ברידער די דאָזיקע גאָטס־באַשעפענישן, וואָס ווערן געפירט צו דער שחיטה טאָג־איין און טאָג־אויס כדי מיט זייער פלייש אָנצופילן די בייכער פון קולטור־מענטשן, מענטשן פון פּראָגרעס, מאָראַל און עסטעטיק?.... ווער דאַרף זיך דאָ פאַרטיידיקן קעגן וועמען?...

וועגן דעם זאָגט אונדז א. ד. גאָרדאָן: „די באַציאונג צו די בעלי־חיים איז דער באַגלויבטסטער, אָפנסטער און קלאָרסטער פּרוביר־שטיין פון אַלע אונדזערע באַציאונגען צו דעם לעבן און צו דער וועלט אַזוי ווי זיי זיינען, אָן באַפּוצונג און אָן שמינקע. די באַציאונג צו די לעבעדיקע באַשעפענישן, ווי קיין אַנדערע זאַך, ווייזט אונדז, ווי אין אַ ליכטיקן שפּיגל, מיט אַ כמעט חושימדיקער קלאָרקייט דעם ווערט פון דער גאַנצער גערעכטיקייט, דעם אמת און אַלע איבעריקע היכע מידות בנוגע וועלכע מיר האָבן זיך ליב צו זען ווי מיר וואָלטן זיך מוסר נפש געווען פון זייערטוועגן. צדק, אמת און אַז. וו. — און דאָס מאָרדן פון בעלי־חיים און זיי אויפעסן! און באמת, וועלכער פונדאַמענטאַלער, מענטשלעך־קאָס־מישער חילוק איז דען דאָ צווישן דער אכילה פון פלייש פון אַ בהמה און דאָס עסן פון מענטשן־פלייש?"

(בריוו איבער דעם וועגעטאַריזם, גאָרדאָנס כתבים, ב. 5, דף 101)

גאָרדאָן האָט געזען דאָס לעבן ווי איין גאַנצע זאַך, באַשטייענדיק פון אָן אַ צאָל פאָרמען און ניואַנסן. ער זאָגט: „מען דאַרף זיך לערנען באַציאונגען פון דעם הימל, דער זון, דעם ווינט, די בערג וכדומה, וואָס פאַר זיי גילטן נישט גרויס און קליין, וויכטיק און אומוויכטיק, א.אַז.וו., דער מענטש, דער וואָרים, און זיי אַליין און גאָר די וועלט — אַלץ איז איינס".

אין זיין בריוו איבערן וועגעטאַריזם באַקלאָגט זיך גאָרדאָן: „די גרויסע מאַיאָריטעט זעט די באַנייאונג אין נייע לעבנס־רעזשימען, אין נייע לעבנס־פאָרמען, אָבער נישט אין דער באַנייאונג פון דעם סאַמע עצם לעבן פון גרונט אויס, אין דער יסודותדיקער באַנייאונג פון דעם מענטש־לעכן גייסט, און וואָס פאַר אַ מהלך רב עס איז פון דעם ביז צו יענער באַציאונג צום לעבן, וואָס באַיאָט דעם וועגעטאַריזם ווי אַן אַבסאָלוטן חוב!" (דאָרטן)

אין אונדזערע איצטיקע טעג, פון תוהו ובוהו אין די באַציאונגען פון פעלקער און יחידים, טעג פון סכנה, פון טאָטאַלן חורבן פאַר מענטש, בעל־חי, און פלאַנץ אויף אונדזער ערד־קוגל דורך די טייוולאָנישע פאַר־ניכטונגס־דערפינדונגען, וואָס די מאָדערנע געוויסנלאָזע וויסנשאַפט האָט דערפונדן — לויכטן פילפאַכיק די אויפקלערנדיקע ווערטער גאָר־דאָנס: „וואָס איז עס אַזוינס די דאָזיקע באַציאונג צו די בעלי־חיים? איז עס נישט די פאַרטעמפּונג פון דעם האַרצן? איז עס נישט דער מאַנגל אין וויטאַלער פייאיקייט זיך אַריינצולעבן אין דער נשמה פון דעם לעבעדיקן באַשעפעניש? און די דאָזיקע טעמפּקייט, דעם זעלביקן מאַנגל אין פייאיקייט זיך אַריינצולעבן אין אַ צווייטנס זעל געפינסטו אויך אין

אַלע באַציאונגען וואָס צווישן מענטשן מיט דעם אונטערשייד, וואָס אין דעם פאַל איז עס פאַרדעקט מיט אַ מאַסקע פון צירלעך־מאַנירלעכקייט״.

(דאַרטן, דף 107)

און גאָרדאָן פאַרענדיקט זיין גרויסן בריוו איבערן וועגעטאַריזם:
„עס איז שווער פאַר אונדז איצט, ביי די האַנדלס־באַציאונגען צווישן די מענטשן, ביי די באַציאונגען וואָס באַזירן אויף דעם פּריוואַטן, פּערזענלעכן, נאַציאָנאַלן, קלאַסן און געשלעכטלעכן חשבון, און נישט אויף דעם אַלגעמיינעם, מענטשלעך־קאָסמישן חשבון — עס איז שווער פאַר אונדז איצט אויסצומעסטן די גאַנצע טיפקייט פון דער באַנייאונג, וואָס געפינט זיך אין אַ נייער באַציאונג צו די בעלי־חיים״. (דאַרטן)

אידיש: **מנחם מאָרגנשטערן**

„כל זמן ביזט אַ בעל רחמים, וועט דער אויבערשטער רחמנות האָבן אויף דיר״

(ירושלמי, בבא קמא, פּרק ח׳, דף כ״ז)

ר׳. ב.*)

אַ פּאָר ווערטער וועגן צמחונות

(וועגעטאַריזם)

ליבע האַרציקע פריינט פון אַמעריקע פאַרלאַנגען פון מיר אַ פּאָר ווערטער וועגן צמחונות אין ארץ ישראל. גלוסט זיך מיר דאָס צו טאָן, נאָר ס׳איז ניט לייכט.

צמחונות איז, דאַכט זיך, אין דער גאַנצער וועלט דאָס זעלבע: מענטשן וואָס עסן ניט קיין פלייש „אפילו" ניט קיין עוף און ניט קיין פיש. וואָס־זשע איז דער חילוק צווישן צמחונות אין מדינת ישראל און אַנדערע מדינות?

מענטשן זיינען מענטשן איבעראַל, און פליייש איז פליייש איבעראַל, אין לאַנגען עבר, אין הוה און אַוודאי אויך אין עתיד. אָדער זאָל איך שרייבן וועגן דער באַוועגונג פון צמחונות אין ישראל? אַז איך בין געווען יינגער איז אַזאַ באַוועגונג דאָ ניט געווען. געווען איינצלנע צמחונים, טייל פון זיי אַפילו זייער חשובע מענטשן, אָבער קיין וועגע־טאַרישע באַוועגונג איז ניט געווען. אין די לעצטע יאָרן איז שוין יאָ דאָ אַן אָנהויב פון אַ באַוועגונג, בין איך אָבער שוין אַ ביסל צו אַלט, און צו „ביזי", כדי איך זאָל קאָנען זיין דערביי. בין איך נאָר אַ באָאָבאַכטער פונדערוייטנס, און קאָן דעריבער נישט שרייבן וועגן דער וועגעטאַרישער באַוועגונג.

עס בלייבט אָבער נאָך אַלץ איבער צו שרייבן איבער אינטערעסאַנטע צמחונים אין ארץ ישראל. דאָס וועל איך, אפשר נאָך אַמאָל טאָן, אַז גאָט וועט גיבן יאָרן און חשק צום שרייבן. היינט אָבער גלוסט זיך מיר צו שרייבן איבער אַ באַזונדערער טעמע, איבער דער אינטערעסאַנטער פראַגע: צי מעג אַ צמחוני זיין קעגן פליייש עסן אויך, ווען דער „דאָקטאָר" דערקלערט בפירוש, אַז דאָס איז „פיקוח נפש", דאָס הייסט, אַז אַן פליייש איז אַ סכנה, אַז דער מענטש וועט חס ושלום פשוט שטאַרבן לא עלינו...

---

*) ר׳ בנימין איז אַ וואויל־באַקאַנטע עטישע פערזענלעכקייט אין ארץ ישראל. ער איז דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל „נר", דער אָרגאַן פון „איחוד", געגרינדעט פון ד״ר יהודה ל. מאַגנעס.

אָט די פראַגע האָב איך געטראָפן בײַ דעם חשובן ענגלישן שרײַבער זשאָרזש אָרוועל. (איבער אָרוועל איז געווען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, אין „קאָמענטערי״ זייער אַ סימפּאַטישער אַרטיקל). אָרוועל איז גע־שטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק, אַוודאי ניט דערפֿאַר וואָס ער האָט זיך חלילה אָפּגעזאָגט פֿון פֿלייש־עסן. עס ווייזט אויס, אַז עס טרעפֿט, אַז אויך פֿלייש־עסער שטאַרבן... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. וויכטיק איז, אַז אָרוועל האָט אָנגעשריבן אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל איבער גהאַנדי, און אים קריטיקירט, פֿאַרוואָס ווען זײַנע קינדער און זײַן פֿרוי זײַנען נעבעך געווען שווער קראַנק, און די דאָקטוירים האָבן געליאַרעמט, אַז זיי מוזן עסן אַ פֿלייש־זופּ, איז גהאַנדי געבליבן האַרט און זיי נישט געגעבן די פֿלייש־זופּ.

אמת, זיי זײַנען נישט, חלילה, געשטאָרבן. אמת איז אויך, אַז גהאַנדי האָט זיי ניט פֿאַרבאָטן די זופּ. ער האָט זיי געלאָזט טאָן ווי זיי ווילן. אָבער עס איז געווען קענטיק, אַז ער וואָלט ניט געגעסן די זופּ, אַפֿילו ווען ער זאָל מוזן שטאַרבן. „ימות ולא יעבור״. און דאָס האָט אַוודאי געווירקט אויף זײַן פֿרוי און קינדער, אַז זיי זאָלן ניט עסן די זופּ און ריזיקירן מיט זייערע לעבנס. און דאָס קריטיקירט אָרוועל, און עס איז, דאַכט זיך, כדאי צו הערן וואָס ער זאָגט.

אָרוועל זאָגט:

„גהאַנדיס האַלטונג איז טאַקע שיין און פֿײַן, נאָר ניט מענטשלעך. וואָרים אַ מענטש זײַן הייסט דווקא נישט קונה שלמות זײַן; הייסט טאַקע אויף זיך נעמען אַן עבֿירה ווען אַ געליבטן מענטשן; הייסט נישט אַזוי ווײַט פֿאַרקריכן אין אַסקעטיזם, אַז עס זאָל זײַן אוממעגלעך צו זײַן אַ פֿרײַנט; הייסט זײַן באַרייט אַפֿילו זײַן אייגן לעבן צו צע־ברעכן צוליב אַ מענטשן.

„אַוודאי זאָל אַ הייליקער אויסמײַדן אַלקאָהאָל, טאַבאַק א.אַז.וו. אָבער אַ פּשוטער מענטש זאָל אויך אויסמײַדן הייליקייט.

„עס איז ניט די פֿראַגע וואָס איז בעסער: אַ הייליקער אָדער אַ פּשוטער מענטש, ס׳איז אָבער וויכטיק צו וויסן, אַז מען קאָן ניט זײַן ביידע צוזאַמען. מען מוז ווילן צווישן גאָט און מענטש. און אַלע ליבעראַלע און ראַדיקאַלע און פּראָגרעסיווע, ביז צו די עקסטרעמע אַנאַרכיסטן האָבן געוויילט דעם מענטשן״.

דאָס און ענלעכעס שרײַבט אָרוועל. איז דאָס טאַקע גאָר שיין און פֿײַן, דאַכט זיך, גאָר אַן אײדעלער מענטש מיט אײדעלע געדאַנקען, נאָר דאָ ווילט זיך אומקערן צוריק צו אונדזער פּשוטער פֿראַגע: מעג

מען נישט עסן פלייש בשעת „דאָקטוירים" שרייען און ליאַרעמען: מענטשן, עסט פלייש! און דעריבער ווילט זיך נאָך אַ ביסל שרייבן וועגן דעם:

* * *

איך שרייב דאָס אין מדינת ישראל און דאָ, ביי היינטיקע צייטן, שרייען און ליאַרעמען דאָ די דאָקטוירים גראָד נישט, אַז מען זאָל עסן פלייש. פשוט צוליב אַ „מענטשלעכן" טעם: עס איז „נעבעך" נישטאָ קיין פלייש, אָדער כמעט נישטאָ. נעבעך, נעבעך. אַ מיליאָן אידן, בלי עין הרע, אַ מיליאָן פלייש־עסער האָבן נישט קיין פלייש און עסן נעבעך, כמעט נישט קיין פלייש. (מען באַקומט אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך פלייש אויפן שפּיץ גאָפּל, נאָר מקיים צו זיין די מצוה פון עסן פלייש. „לעבן" קאָן מען דערפון נישט.) יאָ, יאָ, עס לעבט זיך דאָ, נעבעך, אָן פלייש. הלואי וואָלטן די אַנדערע פּראָדוקטן געווען כשרע, וואָלט עס גאָר ניט שלעכט געווען. אַפּנים, אַז דאָס פלייש עסן איז נאָר אַ גע־וואוינהייט. אַ מין שלעכטער מנהג. מען קאָן מאריך ימים זיין אָן פלייש.

* * *

איך האָב דערציילט אונדזער חבר חאבקין *) (אַ גאָר יונגער מאַן פון אַ יאָר 78 און ב"ה נאָך אַ גוטער אַרבעטער) וועגן אורוועלס אַרטיקל און האָב אים געפרעגט וועגן זיין מיינונג. זאָגט חאַבקין בפשטות גדולה: גהאַנדי האָט גוט געוואוסט, אַז וואָס די דאָקטוירים פאָדערן פלייש, איז מער ניט ווי אַן אמונה תפלה, אַן אבערגלויבן, און אַז פלייש העלפט נישט. אַמאָל שאַדט עס אַפילו. דערפאַר האָט ער גאָרנישט ריזיקירט מיט דעם וואָס ער איז געווען טריי דעם פּרינציפּ צמחונות.

איך האָב דאָס זעלבע דערציילט אונדזער טייערן דר. נח ברוין (אַן אַראַביסט), האָט ער מיר דערציילט אַזאַ מעשה: מיט אַ טויזנט יאָר צוריק איז געווען ביי אונדזערע אַראַבישע ברידער אַ טיפער פילאָזאָף און אַ דיכטער, וואָס איז געווען אַ צמחוני. האָט זיך געטראָפן, אַז ער איז קראַנק געוואָרן, און חברה דאָקטוירים האָבן פאַרלאַנגט ער זאָל עסן פלייש, און מען האָט אים געבראַכט אין שטוב אַריין אַ הון, וואָס מען האָט געוואָלט זי שעכטן פאַר אים.

קוקט דער פילאָזאָף אָן די הון און זאָגט צו איר: אָרימע אומגליק־לעכע הון, מען האָט דיך געכאַפּט, און צו דיינע שוואַכע כוחות האָסט

---

*) חבר חאבקין איז דער רעדאַקטאָר פון דעם וועגעטאַרישן זשורנאַל „ידיעות על צמחונות וטבעונות בישראל"

נעבעך זימ ניט געקאָנט פאַרטיידיקן. איצט, האָסטו מורא פאַר מיר איך זאָל דיך ניט אויפעסן. האָב ניט קיין מורא! איך וועל אַ שוואַכע הון ניט אָנרירן. אויב זיי זיינען מיר געטריי און ווילן דווקא איך זאָל עסן פלייש, טאָ זאָלן זיי כאַפּן אַ לייב און אים שעכטן, און איך זאָג זיי צו, אַז דעמאָלט וועל איך עסן פלייש. אָבער אַ הון וועל איך ניט אָנרירן, גיי דיר געזונטערהייט אין דיין רו אַריין...

* * *

יאָ, דאָקטוירים האָבן ליב פלייש און האָבן אַ טבע צו לויבן פלייש, נאָר נישט דאָס בין איך אויסן. איך וויל טאַקע רעדן וועגן גהאַנדיס האַלטונג. חבר חאַבקין מעג מיט זיין ראַציאָנאַליזם האָבן רעכט, אָבער אורוועלס חשד בלייבט דאָך באַרעכטיקט. מען מעג שוין חושד זיין גהאַנדין, אז ווען ער זאָל געווען בפירוש וויסן, אַז אויב זיינע קינדער וועלן ניט עסן פלייש, וועלן זיי שטאַרבן, און ווען זיי וועלן יאָ עסן וועלן זיי לעבן, וואָלט ער זיי דאָך ניט איינגערעדט, זיי זאָלן עסן פלייש. יאָ, אורוועל האָט שוין עפּעס רעכט ווען ער רעדט וועגן אַן אויסוואַל צווישן גאָט און מענטש, — עפּעס רעכט, אָבער ניט אינגאַנצן רעכט, וואָרים ביי גהאַנדין זיינען גאָט און מענטש ניט געווען צוויי קעגנגעזעצטע באַגריפן צוויי וועלן, נאָר איינס. גאָט איז אין מענטשן און דער מענטש איז אין גאָט. און ווידער איז ביי אים געווען לעבן און טויט איינס.

דאָס איצטיקע לעבן איז נאָך זיין אמונה נאָר אַ טראָפּן, אַ טיפּה מן הים, אין דעם גרויסן, לאַנגן גאַנג פון דער נשמה. ער האָט דאָס אַמאָל אין אַ בריוו זייער שיין אויסגעדריקט. אורוועל זאָגט איראָניש, אַז ביי גהאַנדי איז די גרענעץ געווען אַ הינער־זופּ. יאָ, עס איז טאַקע נאָר אַ פראַגע פון דער גרענעץ. אויך אורוועל וועט ניט דערלויבן צו היילן אַ קראַנקן מיט אַ מענטשן־זופּ. דאָס אודאי נישט. גהאַנדיס גרענעץ איז אַ סך ווייטער. די קו איז ביי אים הייליק, זי איז אים אַ ליד פון רחמים... זי איז אים אַ שוועסטער, און אויך די אָרעמע שוואַכענקע הון איז אים אַ קליין שוועסטערל, טאַקע אַ קליין קינד... האָט ער ניט געקאָנט מסכים זיין, אַז מען זאָל שעכטן אַ הינדל פאַר זיין קינדל. ניין, דאָס אויך ניט שעכטן און אויפעסן. ניין, דאָס ניט. אָבער ער האָט מסכים געווען, אַ מען זאָל שיסן משוגענע הינט. איז דאָך אַ קשיא ווי מעג מען? זיינען אַ טייל מענטשן אין אינדיע טאַקע אויף אים שטאַרק ברוגז געווען, אַפּנים, אויך גהאַנדי איז טאַקע געווען אַ זינדיקער מענטש און נישט קיין הייליקער.

ירושלים, כ״ז בסיון, תשי״ב.

„כי טוב ה׳ לכל ורחמיו על כל מעשיו"

מלך ראַוויטש

זיבן־קי־באַלאַדע

דער סוחר האָט געצאָלט מיט זילבער־געלט
דער פּויער האָט דאָס מינץ פאַרבונדן אין אַ טוך
און מיט די ציין פאַרצויגן אַ טאָפּלטן קניפּ.

— און איצטער, פּויערל, גיב מיר דיין פּאַסטוך
צו טרייבן די זיבן קי!
— אַ — אַוואו?
— צום שטאָטישן שעכטהויז צו!

די פאַרנאַכטיקע זון איז געשטאַנען
האַרבסטיק־קאַלט און רויט,
דאָס וועטערפענדל אויפן דאַך פון דער שטאַל
אין דער זייט פון טויט. —
דער פּויער האָט נאָכאַמאָל באַטאַפּט דעם קניפּ,
דער פּאַסטוך האָט דעם מאַנטל פאַרשטייפט מיט אַ שטריק,
דער האַלצערנער ברונעם האָט געטאָן אַ סקריפּ
און אַרויסגעגעבן אַן עמער בלוט.

— נאַסטעמפּ ,גוויאַזדולאַ, געזשלאָקעט גענוג!
(און ער שלעפּט זי ביים וויסן האָרן),
— אין שטאָט וועסטו טרינקען מער!
איז איר ברוין און גרויס און פאַרשאָטנט אויג
פאַרלאָפן מיט אַ טרער.

די פּויערטע האָט דערלאַנגט אַ ברויט און אַ קעז,
— נאַ, מיכאל, פרעס,
נאָר לאָז דיר איבער אַ שטיק אויפן וועג,
ווייל אין שטאָט וועסטו זיין אין אַנדערטהאַלבּ טעג,
און אַ טעפּל נעם און מעלק דיר אָן
ביי דער קאָרער קו, איר מילך איז גוט.

נאָר אַז ער איז צו צו דער קאַרער קו,
האָט זי זיך געלייגט אויף דער קאַלטער ערד,
זי האָט גערעדט — און אַלע האָבן געהערט:
— איך האָב נישט קיין מילך מער, איך האָב נאָר בלוט.

דאָס שיקסל איז באַרוועס אַרוים אויפן הויף,
אויף דעם קאָפּ פון דער טשאַרנע אַרויפּ־
געפאַלן און אירע גאָלדענע צעפּ
האָבן פאַרבונדן זייערע קעפּ.
הערן איצט אַלע ווי די טשאַרנע ווידער רעדט:
— טייערע חברטע, כ'האָב אין זין אַ מתנה
דיר צו שיקן פון שטאָט, אַ קליינע מתנה, נאָר נעם זי אָן,
מיכאַל וועט דיר ברענגען פון מיר,
פון מיין בעסטן פלייש אַ פונט,
און זאָל דיר, חברטע, זיין צו געזונט!

האָט די שיקסע געטאָן אַזאַ ווילדן קוויטש און אַזאַ מין וויין,
אַז דער פויער האָט זי מיט אַ פּאַסעק באַלד
געטריבן צוריק אין כאַלופּע אַריין.

— אַ סוף!
מיכאַל האָט געטאָן אַ הויכן שנייץ,
געשלאָגן אויף דער קווארער ברוסט אַ קרייץ,
געפּרוואווט דעם שטריק, צי גענוג איז ער שטייף,
די בייטש געפּרוואווט מיט אַ פּייף,
גוויאזדולא האָט זיך, ווי שטענדיק, אין דער
ערשטער ריי געשטעלט,
און די סטאַדע קי איז אַוועק
נאַקעט און הויל אין דער גרויסער וועלט.

זיבן טייכן, זיבן לאָנקעס, זיבן דערפער פאַרביי,
אַ נאַכט און אַ טאָג, און ס'איז נאַכט ווידער גראָד,
מיט טויזנטער ליכטער איז אויסגעשטערנט די שטאָט,

שווימט אין דער נאַכט מיט אַ פייערשיין
איבער דער ברייט פון דער הימלישער הייך,
זיבן טורעמס האָבן געקלונגען גלייך
די בשורה פון מיטננאַכט,
ווען די זיבן קי זענען אָנגעקומען צום גרויסן טייך
און אַריבער בשלום די לאַנגע בריק.

אויף דער בריק האָט גוויאזדולא דעם קאָפּ אויסגעדרייט
צו די דערפער, צו דער נאַכט, צום פאַרגאַנגענעם גליק,
און האָט זיך צעוויינט: — לאָמיר גיין צוריק!
האָט מיכאַל אַ צי געטאָן דעם שטריק
אַרום דעם מאַנטל שטייף
און געטאָן מיט דער בייטש אַ פעסטן פייף.

זעט מיכאל די גאַסן, טראַכט ער, זיי זענען משוגע געוואָרן,
פאַרביקע בלעכוועגן זעט ער כסדר פאָרן,
שינעס הערט ער קריצן מיט שאַרפע ציינער,
חיות מיט ליכט-אויגן וואָיען און לויפן,
און ער זעט ווי פייערזיילן שרויפן
אַריין זיך אין שוואַרצן ברעט פון דער נאַכט,
שרייען הערט אויף דעכער און ווענט,
בילדער און שילדער זעט ער שימערן,
בלוי — רויט — גרין — רויט גרין — בלוי —
און ער טראַכט אַזוי.
ס׳איז אַ גרויסע שטאָט מיט אַ סך, אַ סך טויזנטער צימערן,
און אין יעדן ליגן מענטשן, און אַלע מוז מען מאַכן זאַט. —
נאָר שווין לעשן זיך פענצטער פון צימערן אויס,
ווערן איין גרויסע, שוואַרצע וואַנט,
און גאַס בלייבן איבער די הינט, דער ווינט
און דער פּאָליציאַנט,
גייט ער צו און פרעגט אים דעם וועג, וואָס ער דאַרף —
ענטפערט אים יענער שטום, מיט דער האַנט. —

גאַס איין און גאַס אויס, גוויאַזדולא גייט אַלץ נאָך פאָרויס,
טונקלקייט איין און טונקלקייט אויס,
גייט אַ שווערע פּראָצעסיע פון סאַמעטענע, נאַסע לייבער,
הינטער זיי דער דער גלח, אַ מענטש, אַ טרייבער,
גייט אַ שווערע פּראָצעסיע, גייט אָן געזאַנג דעם לעצטן גאַנג,
בלייבט אַלעמאַל שטיין אין דערשראָקענעם פּלאָנטער
פון העלדזער און הערנער-געדראַנג,
אַ פּראָצעסיע פון זיבן פירפיסיקע לייט
אַלע, ווי איינער, צו שטאַרבן גרייט
פאַר דער שטאָט, וואָס זינקט אין שלאָף.

גייט אַ פּראָצעסיע צו אַ קירך פון בלוט און פון וויי,
אויסצושרייען דעם לעצטן שריי
צו זייער גאָט,
וואָס מאַכט זיך דאָרט אַ וואַרעם-באָד,
פּלעסקעט זיך אין אַ טייך פון בלוט
און וויל נישט וויסן פון קיין גנאָד.

האָט גוויאַזדולא שוין אַ פאַדערשטן פוס
אויף דער רויטער שוועל געשטעלט,
דעם קאָפּ פאַרדרייט און געשיקט דעם לעצטן גרוס
פון זיבן קי צו דער וועלט.

דאָס שלאַכטן אַן אָקס פאַרלייכטערט דעם וועג צום מאָרד פון אַ מענטשן.

(עליזע רעקלו)

פּ ל ו ט אַ ר ך

נאָכפאָלגער פון פּיטאַגאָרעסן. איינער פון די ערשטע באַגרינדער פון עטישן און וויסנ־שאַפטלעכן וועגעטאַריזם.

פראַגמענטן איבער צער בעלי חיים

(אַרויסגענומען פון גרעסערע עסייען פון גריכישן ביאָגראַף פּלוטאַרך)

וועגן פלייש עסן

נו, איר פרעגט מיך וועלכע זיינען עס געווען די מאָטיוון, צוליב וועלכע פּיטאַגאָראַס האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שפּייזן זיך אויף פלייש פון חיות?

איך פון מיין זייט וואונדער זיך, מיט וואָס פאַר אַ געפיל, מיט וואָס פאַר אַ נשמה, אָדער פאַרשטאַנד האָט דער ערשטער מענטש זיך צוגע־רירט מיט זיין מויל צו געהרגעטעס, און צוגעטראָגן צו זיינע ליפּן דאָס פלייש פון אַ דערמאָרדעטער באַשעפעניש; צו פאַרשפּרייטן זיין טיש מיט צעהאַקטע שטיקער טויטע קערפּערס; און ווי האָט ער געקאָנט אָט די קערפּער־טיילן אָנרופן נאַרונג, שפּייז פאַרן מענטשן; צו באַהויפּטן, אַז אָט די זיינען זיינע טעגלעכע שפּייזן און געשמאַקע מאכלים, כאָטש וואָס בלויז אַ ביסל פריער האָבן די דאָזיקע באַשעפענישן געאָטעמט, זיך באַוואויגן, געוויינט און געקוקט; ווי אַזוי האָט געקענט זיין בליק אויסהאַלטן דאָס בילד פון געמאָרדעטע, צעפליקטע און צעגויפּגע־וואָרפענע קערפּערס; ווי אַזוי האָט זיין חוש הריח געקאָנט דולדן דעם גערוך; און ווי אַזוי האָט דאָס סאַמע מיאוסע געטראָפן וואָס זיין חוש הריח איז ניט באַליידיקט געוואָרן, אין דער צייט וואָס ער האָט געקייט די וואונדן פון אַנדערע, און האָט אָנטייל גענומען אין איינזאַפּן אין זיך די פליסיקייטן, זאַפטן, פון טויטע וואונדן. אָבער אָט די מעשה איז אָן און פאַר זיך שטאַרק אומגעלומפּערט און משונהדיק, אַז אַ מענטש זאָל האָבן אַן אַפּעטיט פאַר באַשעפענישן. אין דער צייט וואָס די חיות לעבן נאָך זאָל ער מאַכן באַשטעלונגען און באַשטימען זיי אַלס שפּייז פאַר זיך; און כדי די דאָזיקע שפּייז זאָל פאַר אים זיין צוגעפּאַסט, באַווירצט ער זי, דרעסירט, און אויף דעם אופן ווערט עס אים דערלאַנגט צום טיש.

נאָך מיין מיינונג אָבער, האָט איר גיכער מיך באַדאַרפט פרעגן, ווער עס איז געווען דער ערשטער אָנצוהויבן אָט די פּראַקטיקע, איידער ווער עס איז געווען דער לעצטער דעם מנהג אָפּצוּוואַרפן.

באמת, וואָס שייך יענע מענטשן וועלכע האָבן צוערשט אָנגעהויבן זיך שפּייזן אויף פלייש, איז העכסט וואַרשיינלעך, אַז די אורזאַך פון זייערע האַנדלונגען איז געווען דאָס וואָס ס'איז דאַן שווער געווען צו באַקומען אַנדערע עסנס.

זיי האָבן געלעבט אין אַ שוידערלעכער, פּאַרצווייפלטער צייט־פּעריאָד. דאָס לאַנד איז קאַליע געוועזן צוליב די פאַרפלייצונגען פון די וואַסערן, וועלכע זיינען געפלאָסן אין אומאָרדענונג; און אַ גרויסער טייל פון דער ערד איז געווען דעפאָרמירט, פול מיט בלאָטיקע גריבער, לע־כער; דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל די ערד איז געווען אין אַ שאָקל־דיקן צושטאַנד. די ערד איז געווען בוכשטעבליך ווילד. די געדיכטע לופט האָט פאַרשטעלט דעם הימל פון אונדזער בליק. די שטערן זיינען געווען צעמישט, אין אומאָרדענונג און די זון איז נאָך אַלץ ניט געווען אין אַ פיקסירטן צושטאַנד, נאָר געוואַנדערט אין אַן אומגראַדיקן קורס, אַזוי אַז מען האָט ניט געקאָנט אונטערשיידן טאָג פון נאַכט. עס איז דעריבער ניט מעגלעך געווען קיין קולטיווירטע פרוכט.

עס זיינען אויך ניט געווען קיין דערפינדונגען און אינסטרומענטן, וואָס זאָלן דינען דעם צוועק פון לאַנד־אַרבעט. און דער הונגער האָט ניט אָפּגעלאָזט, און די זאָמען האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט האַלטן אין די יערלעכע סעזאָנען.

יאָ, וואָלטן יענע מענטשן געווען אימשטאַנד צו רעדן צו אונדז, בין איך געניגט צו גלויבן, אַז זיי וואָלטן זיך אַזוי אויסגעדריקט: וואָס זשע איז שוין דער וואונדער וואָס מיר האָבן זיך דאַן באַנוצט מיט פלייש פון חיות, וואָס איז קעגן דער נאַטור. אַז בלאָטע, און די קאָרעס פון בוימער זיינען פאַר אונדז שפייז געווען. און אַ גרויסע פרייד האָט דאַן געהערשט ווען מען האָט ערגעץ וואו געפונען נאָר אַ שפּראָץ גראָז, אָדער אַ וואָרצל פון סיי וועלכער פלאַנץ!

אָבער ווי נאָר זיי האָבן דורך אַ צופאַל פאַרזוכט, אָדער געגעסן אַן עסבאַרע פלאַנץ פון אַ בוים האָבן זיי געטאַנצט פאַר פרייד.

אָט די פרוכט האָבן זיי אָנגערופן לעבנס־געבער, מאַמע, און דער־נערער. אָט דאָס זיינען געווען די איינציקע ימים־טובים אין יענע צייטן מיט וועלכע יענע מענטשן זיינען באַקאַנט געווען, ביי אַלע אַנדערע געלעגנהייטן איז אַלץ געווען טרויעריקע פאַרצווייפלונג.

אָבער וועלכער קאַמף פאַר דיין עקזיסטענץ אָדער וואָס פאַר אַ מין טרייבנדיקע משוגעת טרייבט דיך איצט, אין אָט די פריידיקע טעג, דו זאָלסט איינטינקען דיינע הענט אין בלוט? דו, וואָס האָסט — חזרן מיר איבער, — אַן איבערפלוס פון אַלץ, וואָס איז נויטווענדיק פאַר דער עקזיסטענץ?

פאַרוואָס פאַרלייקנסטו די ערד? קען זי דען דיך נישט שפּייזן און דערנערן? פאַרוואָס טוסטו דוקא צו־להכעיס דער הומאַניזירנדיקער

צערעס, (תבואה געטין) און טוסט אַן אומכבוד די זיסע זאַפטיקע מתנות פון באַקכוסן, (גאָט פון וויין), ווי זיי וואָלטן פאַר דיר נישט געגוג געווען? שעמסטו זיך נישט צו מישן מאָרד און בלוט מיט זייערע וואויל־טוענדיקע פּרוכטן? אַנדערע פלייש־פאַרצוקנדיקע חיות רופסטו אָן ווילדע און פּירכטערלעכע — לייבן, טיגערס און שלאַנגען — בשעת דו אַליין פאַראומרייניקסט דיינע הענט מיט בלוט, דערמיט זיך שטעלנ־דיק אויף דער זעלביקער מדרגה פון באַרבאַרישקייט. און דאָך — פאַר זיי, פאַר די חיות, איז מאָרד דער איינציקער מיטל פון זעלבסט־דער־האַלטונג; בעת פאַר דיר איז עס אַן איבעריקער לוקסוס. עס איז דאָך אַ באַוואוסטער פאַקט, אַז עס זיינען ניט די וועלף און לייבן, וועלכע מיר הרגענען צו עסן — ווי מיר וואָלטן אפשר געטאָן אין זעלבסטפאַרטיידיקונג — להיפוך, זיי לאָזן מיר צורו. און מיר נעמען זיך דווקא צו די אומ־שולדיקע און היימישע און שוצלאָזע — אָט נאָך זיי יאָגן מיר זיך און הרגענען זיי, גראָד יענע שטילע חיות, וואָס, ווי עס שיינט, זיינען פון דער נאַטור באַשאַפן געוואָרן צוליב זייער פּראַכט און גראַציעזקייט...

מיר ווערן ניט גערירט פון קיין זאַך; ניט פון דער אַנטציקנדיקער פאָרם־שיינקייט, ניט פון דער אומעטיקער זיסקייט פון זייערע שטימען און געוויין, ניט פון דער אינטעליגענץ זייערער, ניט פון דער ריינקייט פון זייער דיעטע, (און אויך נישט פון דער סופּעריאָריטעט אין פאַר־שטיין).

בלויז צוליב אַ טייל פון זייער פלייש באַרויבן מיר זיי פון דעם גלאָרייכן זון־ליכט —פונעם לעבן, צוליב וועלכן זיי זיינען געבוירן געוואָרן. זייערע רירנדיקע איוסגעשרייען צו אונדז (אין דער צייט, ווען ציטערנדיקע זיי אַנטלויפן אין אַלע ריכטונגען) קלינגען פאַר אונדז באַדייטונגסלאָז און אומאַרטיקולירט. אָבער אין דער אמתן זיינען עס גאָר געבעטן, תחנונים און תפילות געווענדט צו אונדז פון איטלעכן פון זיי וועלכע זאָגן:

„עס איז ניט די צופרידנשטעלונג פון אייערע אמתע באַדערפעניש־ן פון וואָס מיר פילן זיך באַוועלט, נאָר דאָס ווילקירלעכע אַריינלאָזן זיך אין די תאווהדיקע אַפּעטיטן אייערע.

איך האָב באַזייטיקט דעם תירוץ פון יענע, וועלכע באַהויפּטן, אַז זיי האָבן די אויטאָריטעט און די סאַנקציע פון דער נאַטור.

אַז דער מענטש איז בטבע נישט קיין פלייש־עסנדיקע חיה ווערט קודם־כל באַוויזן דורך דעם אויסערלעכן געבוי פון זיין קערפּער — דער מענטשלעכער קערפּער האָט ניט קיין ענלעכקייט צו קיינער פון די חיות, וועלכע זיינען באַשטימט אויף צו דערנערן זיך פון פלייש.

ס׳איז גאָר להיפּוך: די גלאַטקייט פון זיינע ציין, די קליינקייט פון זיין מויל, די ווייכקייט פון זיין צונג און די לאַנגזאַמקייט פון זיין פאַרדייאונגס־אַפּאַראַט, — באַווייזן, אַז די נאַטור האָט אים שטרענג פאַר־באָטן צו עסן פליייש.

אויב, צום טראָץ דעם אַלעמען וועסטו נאָך אַלץ באַהויפּטן, אַז דו ביזט פון דער נאַטור באַשטימט געוואָרן צו אַזאַ דיעטע, דאַן, קודם זאָלסטו אַליין קוילן דאָס, וואָס דו ווילסט עסן — אָבער, זאָל דאָס טאַקע דיין אמתער „איך״ אַליין טאָן, מיט דיינע נאַטירלעכע וואָפן, נישט באַ־נוצנדיק זיך מיטן קצבישן מעסער, אָדער האַק אָדער אַ שייט האָלץ. ניין, פונקט ווי די וועלף און לייבן, און בערן קוילן אַליין אַלץ, וואָס זיי פאַרצערן, אַזוי, אויפן זעלביקן אופן זאָלסטו הרגענען די קו אָדער דעם אָקס מיט אַן אָנגרייפן פון דיינע קינבאַקן, אָדער דעם חזיר מיט דיינע ציין, אָדער אַ האָז צי אַ לאַם דורך אַרויפוואַרפן זיך אויף זיי און זיי צערייסן גלייך אויפן אָרט.

פונדעסטוועגן טוסטו דאָס ניט, דו וואַרטסט ביזוואַנען די אינטעלי־גענטע באַשעפעניש איז באַרויבט פון איר לעבן, און אויב עס עקעלט דיך טאַקע אַרויסצורייסן דאָס האַרץ פון דיין קרבן און פאַרגיסן זיין לעבנס־בלוט, פאַרוואָס־זשע, פרעג איך, זאָלסטו אין דעם סאַמע אָנגע־זיכט פון דער נאַטור און איר אויף צו להכעיס אַזוי זיך דערנערן?

נאָך מער, ניט אַפילו שוין נאָכדעם ווי דיינע קרבנות זיינען דערהרגעט געוואָרן, וועסטו זיי ניט עסן גלייך ווי זיי זיינען געבראַכט געוואָרן פון דעם שלאַכט הויז. דו בראָטסט, דו קאָכסט, טראַנספאָרמירסט עס דורך פייער און פאַרשיידענע בשמים, דו פאַרענדערסט לגמרי די דערמאָרדעטע חיה דורך דעם געברויך פון צען טויזנט פאַרשיידענע זיסע קרייטיכער און געווירצן, כדי אָפּצונאַרן דעם נאַטירלעכן געשמאַק און צו זיין גרייט צו פאַרנעמען די אומנאַטירלעכע מאכלים.

עס ווערט דערציילט אַ שפּאַסיק מעשהלע מיט אַ טרעפלעכן מוסר־השכל:

אַ ספּאַרטאַנער האָט איינגעהאַנדלט אַ פיש און אים איבערגעגעבן צום קוכער ער זאָל אים צורעכט מאַכן. ווען דער לעצטער האָט געפאָ־דערט פּוטער, בוימאייל און עסיק, האָט ער אים געענטפערט: הערסט אַ מעשה, ווען איך האָב אָט די אַלע זאַכן, וואָלט איך דאָך דעם פיש נישט געקויפט!...

מיר פאַרגינען זיך דעם לוקסוס פון בלוט פאַרגיסונג, ביז צו אַזאַ גראַד, וואו מיר רופן פליייש, אַ „דעליקאַטעס״ און דערביי דאַרפן מיר

האָבן כל המינים סאָסן פאַר דעם סאַמע זעלביקן פלייש מאכל, און מיר מישן צוזאַמען בוימאייל, ווייַן, האָניק, זויערע אוגערקעס און עסיק מיט אַלע געווירצן פון סיריע און אַראַביע, פּונקט ווי מיר וואָלטן איינגעבאַל־זאַמירט אַ בר־מנן.

נאָך דעם, ווי אָט די אַלע פאַרשיידענע שפּייז־שטאָפן זיינען צעמישט און צעלאָזן, און אין אַ געוויסן זין פאַרדאָרבן, בלייבט דאָס אַלץ נעבעך פאַרן מאָגן צו פאַרדייען — אויב ער קאָן.

און כאָטש דאָס קאָן פאַר אַ געוויסער צייט דורכגעפירט ווערן, זיינען די נאַטירלעכע פאָלגן פאַרשיידענע קראַנקייטן, פאַראורזאַכט פון אומ־פולקומער פאַרדייאונג און איבערפולקייט.

פלייש עסן איז ניט נאָר אומנאַטירלעך פאַר אונדזער פיזישער קאָנסטרוקציע, נאָר אויך דער מוח און דער אינטעלעקט ווערן פאַרגרעבט פון איבערשטאָפּן זיך; וואָרים כאָטש פלייש און וויין קאָנען זיין ביכולת צו געבן קרעפטיקונג צום קערפּער, דעם מוח אָבער שוואַכן זיי אָפּ.

אַ חוץ דעם, איבער אַלע די אורזאַכן וואָלט עס ניט געווען וואונ־דערלעך צו פלעגן אין זיך געוואוינהייטן פון מענטשלעכקייט?

צי וואָלט דען אַ מענטש וואָס איז אַזוי גוטהאַרציק און איידל גע־שטימט צו באַשעפענישן פון אַן אַנדערן מין, געווען גענייגט צו שעדיקן זיין אייגענעם מין?

איך האָב אונטערגעהערט אַ געשפּרעך, געדענק איך, וואו מען האָט איבערגעגעבן אין נאָמען פון קסענאָקראַטעסן, אַז די אַטענער האָבן אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויף איינעם, וועלכער האָט אָפּגעשונדן אַ שעפּס לעבעדיקערייט.

דער וואָס מאַטערט אַ לעבעדיק באַשעפעניש, דוכט מיר, איז ווינציק וואָס ערגער פון יענעם, וואָס רויבט נוצלאָז אַוועק דאָס לעבן און מאָרדעט גלייך אויפן אָרט. מיר האָבן, ווייזט אויס, מער קלאָרע כללים וועגן דעם, וואָס איז להיפוך צו אָנשטענדיקייט און מנהגים איידער וועגן דעם וואָס איז קעגן דער נאַטור.

איצט, אַז מענטשן זיינען, ווי דער אמת איז, איינגעטונקען אין ליבע צו לוקסוס און דורכגעדרונגען מיט איר, איז שוין גאָר ניט קיין גרינגער ענין פּרובירן אַרויסטרייבן די פלייש תאווה, וואָס האָט זיך איינ־געביסן אין זייערע קערפּערס.

גוט וואָלט געווען צו טאָן ווי די עגיפּטיער, וועלכע האָבן זיך שטעלנדיק מיט זייערע רוקנס צום ריינעם טאָגליכט, אויסגעליידיקט

און אַרויסגעוואָרפן די אינגעווייד פון זייערע טויטע, אַלס דעם מקור און אורשפרונג פון זייערע זינד. אויך מיר וואָלטן באַדאַרפט האַנדלען אויף אַזאַ אופן, אויב מיר וואָלטן געוואָלט אויסוואָרצלען פון זיך בלוטפאַרגיסונג און זולל־וסובאדיקייט און זיך רייניקן פאַר די פאַרבליבענע יאָרן אונ־דזערע.

אויב די ריינע דיעטע איז פאַר ווען עס איז נישט מעגלעך דורכ־צופירן צוליב איינגעוואָרצלטע געוואוינהייטן, טאָ זאָל מען זינדיקן כאָטש אין געוויסע גרעניצן, לכל הפחות זאָל מען פאַרצערן זייער פלייש, אַזוי ווי מען וואָלט געטריבן געוואָרן דערצו דורך הונגער, אָן אַ מין לוקסוסדיקער צעלאָזנקייט, נאָר מיט אַ געפיל פון בושה.*)

און דאָך, דאָס איז וואָס עס ווערט געטאָן אויף אַלערליי אופנים, ביים קוילען חזירים צום ביישפיל שטעכט מען דורך זייערע לעבעדיקע קערפּערס מיט אָנגעגליטע אייזנס, אַזוי אַז ביים איינזאַפּן דאָס בלוט אָדער ביים צעטרייבן עס, ווערט דאָס פלייש ווייך און דעליקאַט.

געוויסע קצבים שפּרינגען אויף די אייטערס פון די שוואַנגערע זי־חזירים אָדער בריקען זיי כדי צוזאַמענמישן דאָס בלוט און די מילך און די געדערים פון די עמבריאָנען (ולד'ן), וועלכע זיינען דערמאָרדעט געוואָרן צוזאַמען (מיט די מוטערס) אין דער סאַמע צייט פון די געבורטס־ווייען, און אַזוי אַרום הנאה האָבן פון זיך קאָרמענען מיט דער אומנאַטירלעך שטאַרק אַנטצינדנדיקער שפּייז.

אויף אַזאַ און אויף פאַרשיידענע אַנדערע אופנים ווערן געמאַכט באַטעמטע געריכטן מיט אַלערליי סאָסן און געווירצן — וואָס פון דעם אַלעמען איז גענוג קלאָר, אַז דער מענטש האָט נאָכגעגעבן זיינע צע־לאָזענע אַפּעטיטן אין גייציג נאָך לוקסוסדיקע פאַרגעניגנס, ניט צוליב נויטיקער נאַרונג, און ניט אויס נויט, נאָר בלויז אויס הפקרות, זולל־וסובאדיקייט און צוליב אוספּיינען זך.

מיר האָבן ניט קיין רעכט אויף בעלי־חיים וועלכע עסן די זעלביקע שפּייזן, וואָס מיר, אָטעמען די זעלביקע לופט, טרינקען די זעלביקע וואַסער, וואָס מיר אַליין, און ווען זיי ווערן געשאָכטן פאַרשעמען זיי אונדז פאַר אונדזער גרויזאַמקייט מיט זייערע שוידערלעכע געוואַלדן; נאָך אַ זאַך, דורך דעם וואָס זיי לעבן צווישן אונדז, ווערן זיי באַפריינדעט מיט אונדז, און אינטים פאַמיליאַר ביז אַ געוויסן גראַד.

---

*) דער ערלעכער זוכער פון אמת און צדק וועט אָפּוואַרפן אַזאַ „פּשרה". עס איז פּלוטאַרכס נישט־ווילנדיקע הנחה צו דעם באַרבאַריזם פון זיין צייט רעדאַקציע.

הערה צו דער עקס מענטש רעדט

אָט דער פראַגמענט איז אַרויסגענומען פון אַ רייע עסייען געשריבן פון פּלוטאַרך מיט אַ ליידנשאַפטלעכער ליבשאַפט וועגן דעם לעבן פון חיות.

כדי צו באַווייזן זיינע השערות, אַז די חיות זיינען באַשאַפן געוואָרן אין דער נאַטור ווי אַ זעלבסט צוועק, און דערפאַר זיינען זיי באַשאַנקען מיט געפילן, פאַר־שטאַנד, און נאָך מעלות וועלכע זיינען נויטיק פאַר זייער עקזיסטענץ האָט ער געשאַפן די לעגענדע וועגן דער פרוי סירסעי, וועלכע באַזיצט דעם כישוף צו פאַרוואַנדלען אין חיות יענע מענטשן, וואָלכע ווילן אַוועקגיין פון מענטשנטום און לעבן אין דעם חית־קעניגרייך.

די עסיי איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג און די העלדן זיינען: אָדיסעאוס און גרילוס. גרילוס איז דער עקס מענטש וועלכער איז, דורך סירסעי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ חיה.

אָדיסעאוס שטרעבט צו ווערן באַרימט צווישן די גריכן, נעמט ער זיך אונטער צו איבערצייגן סירסעין אין דער וויכטיקייט צוריק צו ברענגען די עקס־מענטשן צום מענטשלעכן מין.

נאָך דעם ווי ער אַפּעלירט צו איר זי זאָל אויספירן זיין בקשה רופט זי זיך אָן: כ׳האָב גאָרנישט קעגן דעם, אויב זיי ווילן זיך אומקערן צוריק צו אייך, זאָלן זיי, נאָר ווייסטו וואָס, אָט וועל איך אַהער ברענגען איינעם פון זיי — גרילוסן, און טענה דיך אויס מיט אים, הער פון אים, צי וויל ער צוריקגעבראַכט ווערן צו אייער מין.

און אָט איז דער ענטפער פון גרילוסן:

גרילוס, דער עקס־מענטש רעדט

אזוי ווי איר זייט פאַרדאָרבן און הפקרדיק אין אייערע אוממעסיקע באַגערן, איז ניט שווער צו באַווייזן, אַז מענטשן זיינען צעלאָזענער פון חיות, אפילו אין יענע זאַכן וועלכע זיינען נויטווענדיק, ווי צום ביישפּיל אין עסן און טרינקען — פון וואָס מיר, די ניט מענטשלעכע ראַסן ציען תמיד אַרויס הנאה מיט נוצן פאַר זיך. אָבער איר, וועלכע יאָגן זיך נאָך פאַרגעניגנס פון עסן און טרינקען איבער די גרעניצן פון דער נאַטור — איר ווערט באַשטראָפט מיט פילע און כראָנישע קראַנקייטן, וועלכע שטאַמען אָפּ פון דעם איינציקן קוואַל פון איבעריקער פרעסעריי, פון אָנפילן זיך מיט פאַרשיידענע גאַזן פון וועלכע דעם קערפּער סיסטעם איז גאָר ניט לייכט פטור צו ווערן.

ראשית כל דערנערן זיך אַלע מינים חיות מיט זייער גאַטונג שפּייז, וואָס איז צוגעפּאַסט צו זייערע נאַטורן — ווער אויף גראָז, ווער אויף וואָרצלען, און ווער גאָר אויף פרוכטן. אויך רויבט ניט קיינער ביים שוואַכערן זיין נאַרונג.

אָבער דער מענטש, איז אַזוי אַלץ־פאַרצוקנדיק, אַז ער פאַלט אָן אויף אַלץ און אויף אַלעמען, כדי צו באַפרידיקן די תאוות פון זיין אַפּעטיט, פּרואווט ער אַלצדינג אויס; פאַרזוכט פון אַלץ, פּונקט ווי ער וואָלט ערשט אָנגעהויבן זוכן עסן וואָס זאָל זיין צום בעסטן צוגעפּאַסט צו זיין נאַטור — פון דעם שטאַנדפּונקט איז ער פון אַלע חיות — דער אַלץ־פרעסער. ער מאַכט אַ געברויך פון פליש, נישט אויס נויט אָדער באַדערפעניש.

ער האָט דאָך די פּריהייט זיך אויסצוקלייבן גרינסן, פלאַנצן פון וועסכע ס'איז פאַראַן אין אַן אוואויסשעפּלעכער שפע. נאָר צוליב לוקסוס און איבערזעטיקייט, זוכט ער, נישט נויטיקע און אומריינע מאכלים און אַן אומבאַקוועמע דיעטע, געקויפט מיטן פּרייז פון קוילען לעבעדיקע באַ־שעפענישן; מיט דער האַנדלונג שטעלט זיך דער מענטש אויף איין מדרגה מיט דערווילדעסטער חיה.

וואָרום בלוט, מאָרד, און פליש זענען פּאַסיק צו דערנערן דעם פּעליקאַן, דעם וואָלף, די שלאַנג; פאַרן מענטשן, זיינען זיי איבעריקע מאכלים.

די נידעריקע באַשעפענישן האַלטן זיך אָפּ פון פאַרצערן מינים פון אַנדערע חיות, און זיי זיינען פיינטלעך בלויז צו איינִיקע, און דאָס אויך דערפאַר וואָס זיי ווערן געטריבן דערצו דורך הונגער־נויט; אָבער סיי פיש, סיי עופות און סיי יעדער אַנדערער בעל־חי וואָס לעבט אויף דער ערד מיידן ניט אויס דיינע טישן, דו מענטש, כאָטש דו גרייטסט זיי אין נאָמען פון הומאַנישקייט און גאַסטפריינטלעכקייט.

אַן ענטפער דעם אוממענטשלעכן קאַטאָן

איך בין דערשטוינט צו הערן פון די אַזוי גערופענע „פילאָזאָפן" זייער באַהויפּטונג, אַז בוכשטעבלעך אַלע חיות, חוץ מענטשן, האָבן ניט קיין פאַרשטאַנד און אינטעליגענץ.

איך קען זיך ניט העלפן, איך מוז אים (קאַטאָן) באַשולדיקן אין באַהאַנדלען זיינע באַדינער ווי אָקסן און פערד, אָדער אין פאַרקויפן זיי ווען זיי ווערן אַלט צו אַן אומפריינטלעכן מענטשן, וועלכער דענקט אַז די איינציקע פאַרבינדונג צווישן מענטש און מענטש, איז אַ מאַ־טעריעלע.

גוטסקייט אָבער, באַוועגט זיך אין ברייטערע ספערן. די התחייבותן פון געזעץ זיינען געצילט בלויז צום מענטשנטום, אָבער פריינטלעכקייט און מעשים טובים, זאָלן אויסגעברייטערט ווערן צו באַשעפענישן פון אַלע מינים, און אָט די אַטריבוטן פליסן פון האַרצן, ביי אַ מענטשן מיט

אַ גוטער נאַטור, פּונקט ווי וואַסער שטראָמען פליסן פון אַ לעבעדיקן קוואַל.

אַ גוטער מענטש וועט אויפפּאַסן אויף זיינע פערד און הינט, ניט נאָר ווען זיי זיינען יונג, נאָר אויך ווען זיי ווערן אַלט און דינען ניט מער. אָט ווי די אַטענער, ווען זיי זיינען פּאַרטיק געוואָרן מיטן טעמפּעל „העקאַטאָמפּעדאָן" האָבן זיי באַפרייט אַלע חיות, וועלכע האָבן אים געהאָלפן בויען. געשיקט זיי אויף פּאַשע און זיי באַפרייט אינגאַנצן פון וויטערדיקן דינסט.

מיר האָבן ניט קיין רעכט צו באַהאַנדלען לעבעדיקע באַשעפענישן ווי אַלטע שיך אָדער הויז־זאַכן, וואָס ווען זיי ווערן אָפּגעטראָגן און האָבן מער ניט קיין ווערט, וואַרפן מיר זיי אַוועק; ווען מיר פרעדיקן אַל־טרואיזם צום מענטשלעכן מין, לאָמיר אויך זיין רחמנותדיק צו אַנדערע באַשעפענישן.

וואָס שייך מיר, וואָלט איך ניט פאַרקויפט אַפילו אַן אַלטן אָקס, וועלכער האָט פאַר מיר געאַרבעט; נאָך ווינציקער וואָלט איך, צוליב אַ ביסל געלט, באַזייטיקט אַ מענטשן, וועלכער איז אַלט געוואָרן דינענדיק מיך, פון זיין געוואוינהייטס־אָרט, — וואָרים צי אים, צום אָרימען מענטשן, וואָלט עס געווען ווי מען וואָלט אים פאַרניכטעט, וואָרום ער קאָן שוין ניט זיין מער נוצלעך ניט פאַרן קויפער און ניט פאַרן פאַרקויפער.

קאַטאָ אָבער, האָט אַזוי ווי שטאָלצירט מיט אַזעלכע האַנדלונגען, אַז ער דערציילט אונדז, ווען ר'איז געווען קאָנסול האָט ער איבערגעלאָזט זיין מלחמה פערד אין שפּאַניע, כדי איינשפּאָרן קהל פראַכט־קאָסטן.

צי די דאָזיקעביישפּילן זיינען סימנים פון גרויסקייט אָדער קליינקייט, זאָל דער לייענער פאַר זיך באַשטימען.

אידיש: נ. ש. דרייוויס

מנחם מאָרגנשטערן

אַ פאַרגעסענע נבואה

זאב וטלה ירעו כאחד, ואריה כבקר יאכל
תבן, ונחש עפר לחמו. לא ירעו ולא ישחיתו
בכל הר קדשי — אמר הי. (ישעיהו ס״ה,כ״ה)

...און מיין גאָט, מיין גואל און מיין אָנשפּאַר,
דער אב־הרחמים און הייליקער שפּייזער
האָט צו מיר אַזוי געזאָגט:
— כ׳בין מיד פון שטומער ליבע און שטומען צער;
גיי, בן־אדם, און נידער אַראָפּ צום טאָל,
און קלאַפּ אָן אין די טירן פון אַלע הייזער;
און מיט אַ געוויסן וואָס איז אומרואיק, געפּלאָגט
דערהויב מיט כוח דיין ביז איצט פאַרשטיקטן קול:
— „מיינע אָרימע שוועסטער,
מיינע אָרימע ברידער!
אייערע תפילות זיינען לעסטער,
אייער קאַמף איז מיר דערווידער!...
— „ווייל העכער פון קלויסטער און סינאַגאָגן
האָט איר מזבחות און שלאַכט-הייזער געבויט,
פון וואַנען ס׳טוען זיך מיט תחנונים דערטראָגן
צו אים, אייער גאָט פון צדק און רחמנות —
די אַנגסטן לעצטע פון אייערע קרבנות
וואָס האָבן, ווי קינדער, אין אייך זיך פאַרטרויט״...
— „און ווען אין געיעג נאָך לעבן, גליק און פרייד
איר זייט מתפּלל פאַר פרייהייט און רעכט —
איז עס אַלץ דאָך נישט מער ווי לייכטע רייד,
איז עס אַלץ אזוי נישט עכט, אַזוי נישט עכט״...
ווייל אַזוי זאָגט גאָט, דער האַר פון אַלע וועלטן:

—„ווי זאָל איך נישט צערנען, ווי זאָל איך נישט שעלטן?
דאָס טייערסטע, וואָס מענטש און רינד פאַרמאָגן
איז דאָס בלוט, די רויטע לעבנס-זאַפט —
און איר, אָן רחמים צעשטערט רק מיין באַשאַף!
טאָ ווי זאָל איך, אייער גאָט עס גאָר פאַרטראָגן?
איר וואָס לעבט תמיד אין שרעק פאַרן אומזין
פון לעבנס, וואָס באַלד אָט ווערן זיי פאַרלאָשן —
איר ברענגט טויט סיי צו די פון אייער מין,
און סיי צו חיות שטומע, וואָס אָן לשון...
אויף דעם שאַרף פון חלף, ביקס און שווערד
טראָגט איר טרויער און אימה אומעטום
פאַר די מעשי־ידי אויף דער שיינער ערד,
וואָס קומען אום אַזוי יסורימדיק און שטום"...
— — — — — — — — — — — — — — — —
על משכבי בלילות — איך האָרך גאָטס רייד:
— גיי צו דעם בן-אדם מיט ליבשאַפט און זאָג:
„עס איז נאָך נישט שפּעט, היילִיק זיך, זיי גרייט
פאַר דעם יום הגדול, פאַר דעם לאַנג-באַגערטן טאָג,
ווען פול וועט ווערן פון טרערן דער בעכער,
און פון רשעות, שנאה און רצח די פאַן
וועט מער ניט פלאַטערן פון גאָר דעם אויבנאָן —
ווייל צו מיר וועסטו הויבן דיינע אויגן אַלץ העכער;
און צו דיין גאָט וועט געוועגדט זיין דיין פּנים,
פון גליק באַשטראַלט און פון מיין שכינה באַרוט,
אין יענע טעג פון דעם אחרית-הימים,
ווען וואָלף און לאַם — זיי פיטערן זיך צוזאַמען
און ערד וועט זיין היילִיק, און מענטש וועט זיין גוט;
און שלום וועט הערשן צווישן פעלקער און שטאַמען...
זיי וועלן ניט בייז טאָן און ניט פאַרדאַרבן;
און פון מיין גאַנצן הייליקן באַרג די שפע און גוטס —
מיט פרייד או מיט חסד זיי וועלן דאַן אַרבן...
— — — — — — — — — — — — — — — —

מרדכי זאב פייערבערג

(ביאָגראַפישער נאָטיץ)

מרדכי זאב פייערבערג איז געבוירן געוואָרן דעם 20טן סעפּטעמבער, 1874, דעם 9טן טאָג פון תשרי, תרל״ה, אין דעם קליינעם שטעטל נאָווּאָגראַד־וואָלינסק, וואָלין.

צוליב אָט־דער פיינער, טיף־מענטשלעכער דערציילונג — „דאָס קעלבל״ — פונעם יונג־פאַרשטאָרבענעם ז. מ. פייערבערג, וואָס ווערט דאָ איבערגעדרוקט, האָבן מיר זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן, צי פייערבערג איז געווען אַ וועגעטאַריער.

מיר האָבן זיך געווענדט צו פריינד א. אַלמי (אגב האָבן מיר נאָך ניט אויפגעגעבן די האָפענונג, אַז אויך ער וועט, מיט דער צייט, ווידער אַריין אין דער וועגעטאַרישער משפּחה), אַז ער זאָל אונדז מודיע זיין, וואָס ער ווייס וועגן פייערבערגן אַלס וועגעטאַריער. און אָט־וואָס פריינט אַלמי האָט געענטפערט:

„איך געדענק בפירוש, אַז ש. צ. זעצער האָט מיר געזאָגט, אַז פייערבערג איז אַ וועגעטאַריער. איך דערמאָן זיך אויך, אַז אין מיינע יוגנט־יאָרן האָב איך אַ סך געהערט אין וואַרשע וועגן פייערבערגס וועגעטאַריזם.

איינער פון די וואָס האָבן מיר וועגן דעם דערציילט, איז געווען חיים גילדין, אַ שוסטער, אַ געזונטער יונג, אַ וועגעטאַריער, אַ זייער שטרענגער וועגעטאַריער, וועלכער האָט מיר געבראַכט לידער אויף „מבינות״. (דאָס איז דער חיים גילדין, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ סאָוועטישער דיכטער און משגיח איבער דער פּאָליטישער כשרות פון דער יידישער ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד).

כדי צו באַפעסטיקן אָט־די מיינונג, וועלן מיר ברענגען אַן איסצוג פון ש. צ. זעצערס אַריינפיר צום בוך „מ. ז. פייערבערג״. (אגב־אורחא, זעצער איז געווען פייערבערגס אינטימסטער יוגנט־חבר).

„זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן זאָרגן פאַר דעם תכלית פון זיין זון. האָט ער אים געצוואונגען צו לערנען „שחיטה״ און „טרפות״. דער דאָזיקער לימוד אָבער איז אים ניט געווען צום האַרצן, ער האָט געפילט אַ מין עקל צו דער שחיטה־באַשעפטיקונג.

נאָך אין זיינע קינדערשע יאָרן האָט אין אים אַן אומהיימלעך געפיל אַרויסגערופן דאָס קוילען פון „בעלי חיים״. ווען ער האָט געזען דעם „חלף״ אין זיין פאָטערס האַנט, האָט ער געמוזט פון אַ שטאַרקן רחמנות־געפיל באַהערשט ווערן.

יעדעס מאָל וואָס עס איז צו אים דערגאַנגען דאָס געשריי פון אַ קעלבל, וואָס עס איז צו דער שחיטה געפירט געוואָרן — האָט זיך אים געמוזט דוכטן, אַז ער הערט אין דעם דאָזיקן געשריי אַ פּראָטעסט, ביטערע תרעומות קעגן די מעשים פון פאָטער זיינעם.

אַזוי צי אַזוי, דאָס לערנען זיך שחיטה איז אים — פייערבערגן — ניט געווען צום האַרצן. לויט זיין גאַנצער נאַטור, לויט זיין גאַנצן אינער־לעכן וועזן, האָט אויספּירלעכער „פּילפּול", אויספּירלעכער „משא־ומתן" וועגן דעם, ווי אַזוי און אויף וואָס פאַר אַן אופן, מען זאָל לעבעדיקע באַשעפענישן — מעגן זיי אַפילו נאָר שטומע ציגער זיין — פון דער וועלט אומברענגען געמוזט ביי אים אַ ווידערגעפיל אַרויסרופן".

מרדכי זאב פייערבערג

דאָס קעלבל

(פון חפני דעם „בעל דמיונס" שריפטן)

עס איז דאַן זומער געווען, און איך בין נאָך דאַן קיין ניין יאָר ניט אַלט געווען.

די זון האָט זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער פון די ווייטע הויכקייטן אַראָפּגעלאָזט, זי זאָל מיט אירע ברענענדיקע אויגן דעם פינצטערן „חדר" באַטראַכטן. און ווי מיט אַ כיוון דעם מלמד אונדזערן מביש צו זיין האָט זי מיט שפּאָט איר בליק געוואָרפן אויף דעם איינ־געשמירטן „טלית קטן" זיינעם און ווי אויף צו רייצן זיך מיט אים האָט זי איינגעפלאָנטערט די שטראַלן אירע אין דער שפּיציקער באָרד זיינער, פאַרשייט און שטיפעריש האָט זי געגאָסן די גאָלדענע שטראַלן אירע איבער דער בלאָטע אין גאַס און איבער דעם גרובן, וואָס אין הקדש־גאַס, וועלכע האָט אויך געהייסן די „שול־גאַס", די „מלמדים־גאַס", די „שוחטים־גאַס" און איז אויך דער מאַרק געווען און האָט מיט דעם פולן צויבער אירן געלאַכט און געוואונקען צו אונדז: „נאַרישע קינדער, צו וואָס זיצט איר דאָ פאַרשפּאַרט און פאַר־שלאָסן מיט דעם נאַרישן רבי?"

און ווירקלעך, ווי ליב און ווי טייער עס זיינען די שטראַלן פון דער זון, וואָס טאַנצן און שפּרינגען אַזוי צאַרט און ליב דורך דעם פענצטער אין חדר אַריין. און ווי גוט און שיין עס איז אין דרויסן. וואָס פאַר אַ וואונדערלעכע פאַרוויילונגען עס זענען דאָרטן פאַראַן. ווי שיין עס זעט אויס די פּאַרע, וואָס ציט זיך פון די גרובן, און ווי גליקלעך עס זענען די אינגלעך, וואָס שפּרינגען אַרום דאָרטן, וואָס

וואַלגערן זיך אויף דער ערד און מאַכן קייקעלעך פון בלאָטע און טרי־קענען זיי אויף דער זון. דער רבי איז אָבער שטרענג און בייז. ער ווייסט פון קיין רחמנות ניט. ער זיצט און לערנט, זיצט און חזרט. טראָפּן שווייס טריפן איבער דער גמרא. דאָס העמד איז נאַס און צו דער הויט צוגעקלעפּט. די הענט זענען שווער. דער קאָפּ טוט וויי. די שטימע איז גרילציק — און דער רבי חזרט, לערנט און חזרט...

נאָך אַ ווײַלע אָבער וועט ער אויך שוין מיד ווערן... אָט איז ער שוין פון זיין לערנען מפסיק, ער זאָגט אונדז אַ ביסל מוסר און הייסט אונדז ניט פאַרגעסן צו גיין אין „בית־המדרש" מנחה־מעריב דאַוונען. מיר לאָזן זיך מיט איילעניש און מיט אומגעדולד אַרויס אין דרויסן — און אָט גייט אונדז די טשערעדע אַנטקעגן. די בכבודיקע צאַפּעס גייען פאָראויס מיט גרויסן ישוב הדעת און מיט זעלבסטווירדע, ווי די רבנים און חשובי העיר, ווען זיי גייען מיט פראָסטע מענטשן אויף עפּעס אַ שמחה של מצוה, מקבל פנים זיין אַ חתן, אויף אַ ברית מילה אָדער אויף אַ לויה. נאָך זיי גייען די ציגן, און נאָך די ציגן גייען די קי, די קעלבלעך, די חזירים און די לאָשעקלעך. יעדער איינער מיט דעם לאַגער צו וועלכן ער באַלאַנגט, דער שטויב דערגרייכט ביז צום הימל און מיר מישן זיך אַלע מיט דער גרויסער מחנה אויס. איינער זעצט זיך פאָרן רייטנדיק אויף אַ צאַפּ, אַ צווייטער אויף אַ ציג, און נאָך אַן אַנדערער נעמט זיך מיט די בהמות קאָמאַנדעווען. ער וואַרפט אויף זיי אַן אימה אָן, זאָלן זיי וויסן, אַז ער איז אַ „מענטש", אַ קינד פון דעם הערשנדיקן מין, וואָס האַלט מיט דער גבורה זיינער די גאַנצע וועלט אין צאַם. און אָט גייט אונדז אונדזער קו אַנטקעגן. זי גייט צו לעצט רעכטס פון פאַסטוך, וואָס טראָגט אַ שיין קעלבעלע אויף די אַקסלען זיינע. איך האָב באַלד דעם „סוד" פאַרשטאַנען, וואָרים מיין מאַמע האָט שוין ניט איינמאָל געזאָגט, אַז אונדזער קו איז קעלביק. מיין פרייד האָט דאַן גאָר קיין ענדע ניט געהאַט, און איך האָב מיט אומגעדולד דעם פאַסטוך נאָכגעקוקט, וועלכער האָט דאָס שיינע קעלבל אויף זיין אַקסל גלייך צו אונדז געטראָגן. אַ שטאַרקער באַגער האָט מיך דאַן באַהערשט נאָכצולויפן אים, מיין קאָפּ צום קעלבל צולייגן און קושן און האַלדזן עס. וואָס קען איך זיך אָבער העלפן? דער רבי... דאָס מנחה דאַוונען... און וואָס וועט מיין מאַמע זאָגן, ווען זי וועט זען ווי דער „בחור" אירער, וואָס לערנט שוין „גמרא", פאַרנעמט זיך מיט אַזוינע נאַרישקייטן, און אָט אַזוי האָב איך, קעגן דעם ווילן מיינעם, געמוזט גיין אין בית־המדרש דאַוונען.

דאָס דאַוונען האָט זיך געענדיקט און איך בין אין איילעניש אַהיים געגאַנגען, דאָס קעלבל מקבל פנים זיין. און ווען איך בין אין

הויז אַריינגעקומען, זיינען מיר מיינע קליינע ברידערלעך און שוועס־טערלעך אַנטקעגן געלאָפן און האָבן מיר די בשורה וועגן דעם געבורט פון קעלבל אָנגעזאָגט: — ווען דו וואָלסט געזען, חפני — האָבן זיי צו מיר אַלע אויף איינמאָל געזאָגט — ווי שיין עס איז דאָס קעלבעלע, ווען דו וואָלסט געזען דעם ברייטן שטערן זיינעם, זיינע ברייטע נאָז־לעכער, זיין לאַנגן צונג און זיינע רויטע און פולע ליפּן, ווען דו וואָלסט געזען... — איך האָב קיין געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן ביז זיי וועלן אַלע זייערע רייד ענדיקן, און בין מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אין שטאַל אַריינגעלאָפן. איך האָב זיך אויף מיינע קני לעבן דעם קעלבל געשטעלט, האָב מיט מיין האַנט אַלע זיינע אַברים איינציקוויז אויס־געטאַפּט. נאָכדעם האָב איך עס גענומען אויף מיינע אָרעמס און האָב עס אין קיך אַריינגעטראָגן, כדי איך זאָל עס ביי דער שיין פון ליכט קענען באַטראַכטן. דאָרטן האָב איך עטלעכע שטיקלעך ברויט באַ־זאַלצן און האָב זיי אויף זיין צונג אַרויפגעלייגט. דאָס קעלבל האָט זיי מיט אַפּעטיט געגעסן, און האָט מיך מיט דאַנקבאַרקייט און צו־פרידענע בליקן באַטראַכט. איך האָב דאַן באַלד דערקענט, אַז איך האָב געפונען חן אין די אויגן פון קעלבל, און אַז עס באַטראַכט מיך אַלס ווירדיקן צו חברן זיך מיט מיר, וואָרים עס האָט מיר אויסגעטיילט צום גוטן פון די אַלע קינדער, וואָס האָבן זיך אין הויז געפונען, פון די אַלע ברידערלעך און שוועסטערלעך מיינע, און האָט זיין בליק גע־ווענדט נאָר צו מיר און וואו איך האָב זיך נאָר געקערט און געווענדט, האָט מיך זיין ליבער בליק באַגלייט. איך האָב געפילט אין זיך אַ שטאַרקע ליבשאַפט, אַ ליבשאַפט, וואָס איז מיט שטאָלץ אויסגעמישט געווען צום שיינעם קאַלב, און מיט דעם גאַנצן האַרצן מיינעם האָב איך זיך איבערגעגעבן, איך זאָל צערטלען און ליבן דאָס קעלבל, מיט ליבע פאַר ליבע אים צאָלן.

— עס קומט אונדז — האָט די מאַמע געזאָגט צום טאַטן אין אָוונט, ווען ער איז אַהיים געקומען — מזל טוב. די קו האָט געהאַט אַ קעלבל. קומענדיקע וואָך וועלן מיר קוילען דאָס קעלבל און מיר וועלן האָבן געבראָטן פלייש אויף שבת, ווי דו האָסט ליב.

— איז דען רעכט אַזוי, מאַמע? איז עס דען רעכט, אַז דו זאָלסט דאָס דאָזיקע גוטע און שיינע קעלבל קוילען? — האָב איך מיט אַ ציטער געפרעגט.

— דו ביסט נאָך אַ קינד, מיין זון. דו ביסט נאָך אַ נאַריש יינגל ווען דו וואָלסט דאָס געזאָגט אין דער געזעלשאַפט פון מענטשן — וואָלסטו צו געלעכטער געווען.

און ווען איך האָב זיך נאָכאַמאָל צוריקגעקערט אין קיך אַריין צו באַזוכן דאָס קעלבל, וואָס איז מיר אַזוי ליב און טייער געווען, און ווען איך האָב געזען זיינע אויגן, וואָס זענען געווען געווענדט צו מיר און אין וועלכע איך האָב געזען דעם אויסדרוק פון מיטלייד אָדער רחמנות בעטן אויף זיך — האָבן גערונען טרערן פון מיינע אויגן און מיט פיל ליבשאַפט האָב איך זיך לעבן דעם קעלבל אויף דער ערד אויסגעצויגן און איך האָב זיין פעל אַרומגעטאַפּט און מיינע וואַרעמע טרערן האָבן אויף זיין האַלדז אַראָפּגעטריפט און איך האָב געקושט עס און געוויינט.

און אין דער נאַכט — געדענק איך — האָב איך פיל נאָכגעקלערט און נאָכגעטראַכט.

דאַן האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט ווי עס וואָלט זיך עפּעס אַ מוק אויסגעפּיקט אין דעם פאַרשלאָסענעם מאַרך מיינעם... און וואָלט געהאַלטן אין איין פּיקן דאָרטן. און ווי איך וואָלט הערן די שטימע זיינע: „חפני, אָט דאָס קעלבל — צוליב וואָס איז עס אויף דער וועלט געקומען? מען זאָל עס קוילען? און פאַרוואָס זאָל עס געקוילעט ווערן? און אויב עס איז אויף דער וועלט געקומען טאַקע ניט מער ווי נאָר אויף דערויף, מען זאָל עס קוילען, פאַרוואָס־זשע איז עס אַזוי שיין? ס׳וואָלט דאָך אויך אַזוי געקענט געבוירן ווערן אַ שטיק פלייש אַרומגעוויקלט מיט אַ שטיקל אומגעלומפּערטער פעל? פאַרוואָס וויל עס מיין מוטער קוילען? ווער האָט עס איר דאָס רעכט געגעבן דאָס דאָזיקע שיינע קעלבל צו קוילען?...

און אין דער דאָזיקער נאַכט האָב איך מנדר געווען ח״י פּרוטות אין דער פּושקע פון רבי מאיר בעל הנס, אַז ער זאָל פול מאַכן דאָס האַרץ פון מיין מאַמען מיט רחמנות אויף דעם קעלבל — און איך בין איינגעשלאָפן.

און עס חלומט זיך מיר — אַז איך זע דאָס קעלבל געבונדן. דער שוחט שטייט איבער דעם און ער האַלט דעם חלף זיינעם אין זיין האַנט... אָט קוילעט ער... דאָס קעלבל וואַרפט זיך און דאָס בלוט רינט...

און אין דער פרי, ווען איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין געלעגער, בין איך צום אַלעם ערשטן געלאָפן אין שטאַל אַריין און איך האָב אויסגעפונען צו מיין גרויסער פרייד דאָס ליבע קעלבל מיינס ליגן רואיק עס איז געזונט און שטאַרק געווען און די מוטער זיינע האָט אים מיט גרויס ליבע געצערטלט. האָט מיט איר צונג די פעל פון זיין רוקן געלעקט און די קורצע האָר זיינע שורות־ווייז אויסגעלייגט.

איך ווייס איצט, ווען איך שרייב דאָס אַלעס, אַז דאָס קעלבל איז ניט דער צענטער פון דער בריאה געווען. אַ סימן: דאָס קעלבל איז שוין פון לאַנג געקוילעט און די וועלט פירט זיך נאָך אַלץ, ווי זי האָט זיך שטענדיק געפירט. דאַן אָבער האָב איך געדענקט, אַז די גאַנצע וועלט איז אין קעלבל קאָנצענטרירט געווען. אַז אַלעס איז נאָר ווי אַ מין פאַרקערפּערונג און שאָטן פון קעלבל...

אויף מאָרגן אין אָונט, ווען איך בין אַהיים געקומען, האָב איך געטראָפן דעם קצב זיך רעכענען מיט דער מאַמע. און אַזוי רעכענענדיק זיך מיט איר האָט ער קויפט אָפּ ביי איר די פעל פון קעלבל. איך האָב געשוויגן דאַן. ווארים מיין מאַמע האָט מיר שוין געזאָגט, אַז איך בין אַ נאַר. עס האָט מיך אָבער אַ גרויסע אומרואיקייט באַהערשט און מיין האַרץ האָט אין מיר ווי מיט אַ האַמער געקלאַפּט. אַ סברא — האָב איך צו זיך דאַן גערעדט — אַז איך בין טאַקע אַ נאַר? און פאַרוואָס? ווער זאָגט עס, אַז מען טאָר ניט קיין רחמנות האָבן אויף דעם דאָזיקן שיינעם קעלבל? די מאַמע? זי האָט דאָך אָבער ניט איין מאָל צו מיר געזאָגט, אַז עס איז אַ מצוה רחמנות צו האָבן אויף אַ לעבעדיק באַשעפעניש און אַז מען טאָר צו קיין בעל־חיים קיין אכזר ניט זיין. ניט קיין אכזר זיין — און קוילען? רחמנות האָבן — און קוילען? מיין מאַמע האָט אַזוי געזאָגט, ווער זאָגט עס אָבער, אַז זי איז גערעכט?.... וואָס הייסט אָבער? קען דען זיין, אַז די מאַמע מיינע זאָל ניט גערעכט זיין? איז דען מעגלעך, אַז אויך מאַמעס זאָלן אומגערעכט זיין? רבונו של עולם, די מאַמע מיינע און דאָס קעלבל — זיי זיינעןביידע ביי דיר אין די הענט. פאַרוואָס־זשע האָסטו אַ רוח חיים אַריינגעבלאָזן אין קעלבל און דער מאַמע מיינער האָסטו אַ רצון אַריינגעגעבן צו טויטן עס? רבונו של עולם, אָט דאָס קעלבל, וואָס דו האָסט מיט אַלע זיינע אברים און אָדערן באַשאַפן און האָסט אין דעם כח אַריינגעגעבן עס זאָל פילע יאָרן אויף דער ערד לעבן, פאַרוואָס זאָל עס געקוילעט ווערן? גאָט אַלמעכטיקער — עס איז דאָך אַנטפּלעקט און באַוואוסט פאַר דיר, וואָס פאַר אַ קעלבל עס וועט געקוילעט ווערן און וואָס פאַר אַ קעלבל עס וועט ניט געקוילעט ווערן — פאַרוואָס־זשע האָסטו באַשאַפן די קעלבלעך, וואָס זיינען צום געקוילעט ווערן און האָסט אין זיי אַ כח אַריינגעגעבן אַליין צו לעבן און אויך אַ לעבעדיקן דור אויף דער ערד אַרויסצוברענגען? און אויב דו האָסט באַשאַפן זיי צו לעבן — פאַרוואָס זאָלן אַנדערע אויף דיין ווילן עובר זיין?... און מיין קליין ברודערל, וואָס איז געשטאָרבן אויף דעם אַכטן טאָג פון זיין געבוירן? אויף אים האָט דאָך מיין מאַמע בפירוש געזאָגט, אַז איידער ער איז נאָך אין בויך באַשאַפן געוואָרן, האָבן זיי אין בוך פון הימל אַנגעשריבן, אַז אַזוי און

אַזוי וועט עס זיין — פאַרוואָס־זשע איז ער באַשאַפן געוואָרן מיט אַלעס וואָס אַ נאָרמאַלער מענטש פאַרמאָגט? צו וואָס האָט ער די פיס באַ־דאַרפט, אַז ער איז ניט געגאַנגען מיט זיי? צו וואָס האָט ער די הענט באַדאַרפט, אַז ער האָט גאָר ניט געטאָן מיט זיי? און דאָס מויל? און די ליפּן? און וואָס וואָלט געווען, ווען די אָם זיינע וואָלט אים ניט געווען דערשטיקט? און מיט וואָס האָט זיך די אָם פאַרזינדיקט, אויב דער „מלאך המות" האָט אים דערהרגעט... די מאַמע מיינע האָט דאָך געזאָגט, אַז דער „מלאך המות" האָט געקוילעט דאָס קינד. אויב די אָם אָבער האָט עס דערשטיקט, צו וואָס האָט נאָך אַ מלאך באַדאַרפט קוילען? און קען דען זיין אַז עס זאָל אַ מענטש, אויך אַ קינד אַפילו, שטאַרבן אָן דעם מלאך המות?

— מאַמע, קען אַ מענטש שטאַרבן אָן דעם מלאך המות?

— דו ביסט פון זינען אַראָפּ, חפני? האָט מיין מאַמע אויסגעשריען — וואָרים זי האָט זיך פאַרשעמט פאַר דעם קצב, וועלכער האָט זיך פון פולן מויל צעלאַכט פון דער נאַרישער פראַגע מיינער — צו וואָס דאַרפסטו דאָס וויסן? צי ווייסטו דען שוין די גאַנצע „גמרא", וואָס עס גייט דיר אָפּ נאָך אויך דאָס צו וויסן, ווי אַזוי אַ מענטש שטאַרבט?

אַ טרויער האָט זיך איבער מיין געזיכט פאַרצויגן און עס האָט מיר ביים האַרצן פאַרקלעמט.

און אין יענער נאַכט איז פון מיר מיין שלאָף פאַרוואָגלט געוואָרן און ביטערע און שרעקלעכע געדאַנקען האָבן מיין מאַרך אָנגעפילט. איך האָב מיין געזיכט אין דער קאָלדרע איינגעהילט, וואָרים איך האָב מיך געשראָקן פאַר די שרעקלעכע מחשבות מיינע, וואָס האָבן אין מיר באַאומרואיקנדיקע פראַגן געוועקט. דאַן האָב איך געפילט, אַז עפּעס אַ בנין פאַלט איין אין מיר, עפּעס איז אין מיר פון זיין שורש אָוועק־געריסן געוואָרן... דאַן האָב איך געפילט, אַז איך קעמף — מיט מיר: דער מוח מיינער האַלט מיט מיין האַרץ מלחמה. דאָס האַרץ מיידט אויס דעם מוח מיינעם און אַנטלויפט פון אים... דאָס האַרץ שטריינגט דאָס לעצטע ביסל כחות אָן, אַ פאַרטיידיקונגס מלחמה מיט דעם מוח אָנצו־פירן... און דאָס האַרץ פאַלט און ווערט געשטרויכלט... און די וואונד איז טיף, זייער טיף.

און דאַן האָב איך מנדר געווען נאָכאַמאָל ח"י פּרוטות אין דער פּושקע פון רבי מאיר בעל הנס. און איך האָב געזאָגט מיט כונה און מיט אַ צעבראָכן האַרץ ווי איינער, וואָס ווייסט, וואָס פאַר אַ שווערע זינד ער טראָגט אין האַרצן ביי זיך: „ה' בידך אפקיד רוחי" — און איך בין איינגעשלאָפן.

איין שעה יאָגט די צווייטע שעה. איין טאָג דערגרייכט דעם צווייטן טאָג. אָט איז שוין דער צווייטער טאָג. דער דריטער. דער פערטער און דער פינפטער... דאָס קעלבל וועט געקוילעט ווערן אויף דעם אַכטן טאָג. און איך — וואו וועל איך דאַן אהינקומען?

און דאָס קעלבל ווערט גרעסער און וואַקסט פון טאָג צו טאָג. עס שפּרינגט מיט די לאַנגע און דינע פיס זיינע. און יעדעס מאָל ווען עס זעט מיך פון דער ווייטנס, לויפט עס מיר אַנטקעגן. עס טאַנצט און עס מאַכט זיך משוגע פון ברויזנדיקער פרייד. און איך בין עס מקבל פנים מיט אַ שטילן זיפץ און וויין און לאַך צוזאַמען.

און דער שרעקלעכער טאָג איז געקומען. עס איז געקומען דער אַכטער טאָג.

און איך זע, אַז די שרעקלעכע מינוטן קומען אַלץ נעענטער און נעענטער. די צייט לויפט שנעל. די זון שטייגט אַלץ העכער... אָט לאָזט זי זיך אַראָפּ אין מערב זייט... עס איז שרעקלעך.

איך ווייס, אַז דאָס קעלבל וועט ניט געקוילעט ווערן. אַוודאי וועט עס ניט געקוילעט ווערן... עס איז אוממעגלעך, אַז עס זאָל געקוילעט ווערן... עס קלאַפּט אָבער אין מיר פונדעסטוועגן דאָס האַרץ מיינס, איך ווייס, אַז פון הימל וועט מען דעם קעלבל קומען צו הילף... די מלאכים וועלן קומען, זיי זאָלן עס מציל זיין... דער חלף וועט צע־שמעטערט ווערן אָדער זיין האַלדז וועט אין מאַרמאָר פאַרוואַנדלט ווערן... אויף אַ נאַטירלעכן וועג איז קיין רעטונג נישטאָ. די מאַמע מיינע איז אַזַ איינגעשפּאַרטע. אַ נס וועט אָבער געשען. עס איז אוממעגלעך אַנדערש... דאָס קעלבל איז דאָך אַזוי שיין, און איך האָב דאָך אַזוי פיל מנדר געווען אין דער פּושקע פון רבי מאיר בעל נס... אַלע ווײַלע האָב איך מנדר געווען פיל...

און דאָך — ווער ווייסט?

און דאָס האַרץ מיינס קלאַפּט אין מיר. די אויגן מיינע זענען פול מיט טרערן. בליץ שנעל לויפט אַרום דער געדאַנק אין מאַרך ביי מיר. עס ברויזן אין מיר אַלע געפילן מיינע... עס איז שווער צו פאַר־ענטפערן דעם ענין. אויך דער רבי ווייסט ניט... ניין. איך וועל ניט פרעגן דעם רבין אויך ער, ווי די מאַמע מיינע, וועט לאַכן פון מיר און וועט מיך רופן נאַר...

און דאָס קעלבל איז געקוילעט געוואָרן...

אידיש: **ש. צ. זעצער**

מיט דער דערלויבעניש פון איבערזעצער

אָוויד *

פון זיינע מעטאַמאָרפאָזן

פּאָעמע

א.

גענוג אייך מענטשן זיך צו באַפלעקן מיט ניט־דערלויבטע שפּייזן!
איר האָט דאָך ברויטן, קערנער, אונטער דער שווערקייט
פון דער רייכער משא
פון די זאַפטיקע רויטלעכע פּרוכטן בויגן זיך די צווייגן
פון די ביימער.
פול מיט זאַפט הענגען די טרויבן פון זייערע צווייגן;
וואָרצלען, גראָזן,
צאַרטע, געשמאַקע שטייען רייף אויף די פעלדער; און די אַנדערע,
די וואָס זיינען האַרטער — מאַכט זיי דאָס פייער ווייך,
מאַכט זיי זיסער;
די ריינע מילך־זאַפט, ווי אויך די פיין־שמעקנדיקע ריחות
פון דעם זיסן האָניק, וואָס שמעקט מיט דעם דופטנדיקן
טיהימיאַן גראָז,
דאָס איז אייך ניט פאַרבאָטן: פאַרשווענדעריש מילד
אירע אוצרות אין איבערפלוס
לייגט אייך פאָר די ערד; אָן גרויזאַמען מאָרד און אָן
בלוט פאַרגיסן,
באַ׳טעמ׳טסטע געריכטן גרייט זי אייך צו. נאָר ווילדע חיות,
שטילן זייער הונגער מיט לעבעדיקע פלייש: און אפילו
ניט אַלע חיות:
פערד, שאָף, אָקסן דערנערן זיך דאָך פרידלעך מיט גראָז:
נאָר די ווילדע מינים פון די רויב־חיות; די שרעקלעך
בייזע טיגערס,
די לייבן אומדערבאַרעמלעך־גרויזאַמע,
די גיריקע וועלף, בערן, זיי פרייען זיך מיט בלוט פאַרגיסן.

---

*) באַרימטער קלאַסישער דיכטער פון אַלטן גריכנלאַנד.

און וואָס איז דאָס פאַר אַ פאַרברעכערישער מנהג,
וואָס פאַר אַ שרעקלעכע מיאוסקייט,
קישקעס זאָלן קישקעס שלינגען!
ווי קאָן מען עס אָנהאָדעווען מיטן פלייש און בלוט
פון ענלעכע צו אייך באַשעפענישן, —
— אייער גיריקן קערפּער — און מיט מאָרדן אַן אַנדער וועזן,
מיטן טויט פון אַ פרעמדן — אונטערהאַלטן לעבן!
קאָן עס מעגלעך זיין, איז עס ניט קיין שאַנד?
מיר, וועלכע זיינען אַזוי מילד אַרומגערינגלט מיט טייערע מתנות,
פון דער וואוילטעטיקער ערד,
אונדזער שפּייזערין־מוטער, מיר, ניט חיות נאָר מענטשן,
זאָלן ווילד מיט די גרויזאַמע ציינער צערייסן און צעפּליקן,
מיט באַזונדער פאַרגעניגן, שטיקער פון צעהרגעטע
קערפּער ווי די ווילדע רויב־חיות?
איז דען אוממעגלעך, אָ, מענטשן, צו שטילן אייער
צערייצטן הונגער,
די ליידנשאַפט פון אייערע אומדערזעטלעכע בייכער,
ניט אָפּפערנדיק מיט אַ פרעמדנס לעבן?
עס איז געווען — דערציילט אַ לעגענדע — אַ גאָלדענע צייט,
ניט אומזיסט ווערט זי אַזוי גערופן,
עס האָבן געלעבט מענטשן גליקלעכע, באַשיידענע, איינפאַך;
זיי זיינען צופרידן געווען און זאַט
נאָר מיט פרוכטן פון דער ערד,
מיט בלוט האָבן זיי די ליפּן ניט פאַראומרייניקט,
און פויגל האָבן דאַן אָן שום געפאַר,
די לופט דורכגעשניטן;
און די פרוכטבאַרע האָזן האָבן אָן מורא,
אין פעלד אַרומגעוואַנדערט;
אויף דער ווענדטקע איז דאַן ניט געהאָנגען דאָס פישעלע —
אַ קרבן פון צוטרויען;
עס האָבן ניט עקזיסטירט קיין פאַנג־נעצן,
און קיין פלאַנטער־שטריק;

שרעק, פאַרראַט, האַס, האָט קיינער ניט געוואוסט
און אומעטום האָט געהערשט פרידן.

* * *

וואו זשע איז זי איצט? (די גאָלדענע צייט)
און מיט וואָס האָט איר זיך אייער טויט פאַרדינט,
איר אומשולדיקע שעפעלעך, גוטמוטיקע, שטילע,
דורכן מענטשנס הענט געבונדענע,
איר, וואָס טוט אונדז פרייגעביק אָנטרינקען
מיטן זאַפט פון אייערע געבענטשטע ברוסטן,
און, וואָס וואַרעמט אונדז מיט אייער ווייכער וואָל
איר, וועמענס גליקלעך לעבן איז אונדז פיל ניצלעכער
ווי אייער טויט דער בייזער?
מיט וואָס האָסטו זיך פאַרשולדיקט, דו אָקס,
באַשטימטער פאַר די מענטשן אויף הילף,
דו **שטום** -איבערגעגעבענער קאַמעראַד,
און פריינד פון דעם אַקער-בויער?
ווי קאָן מען אַזאַ חברשאַפט פאַרגעסן,
ווי קאָן מען זיך באַשליסן מיט דער גרויזאַמער האַנט
די שאַרפע האַק אַראָפּלאָזן אויף דעם געהאָרכזאַמען טרייען האַלדז,
אויסגעריבענעם פון דעם שווערן יאָך?
רויט מאַכן די מוטער שפּייזערין ערד מיט בלוט
פון דעם אַרבעטער וואָס האָט אייך געהאָלפן די תבואות שאפן;
שרעקלעך איז אייער נידערטרעכטיקער מנהג,
און גליטשיק איז אייער וועג צו פאַרברעכנס!
מענטשן! צו מאָרדן אַ מענטשן איז ניט שווער דעם,
וואָס פאַרנעמענדיק די אין אַגאָניע שטאַרבנדיקע קלאַנגען, —
שניידט ער אַומשולדיקע קעלבלעך.
ווער עס מאָרדעט אַ לעמעלע,
וועמענס יאָמער עס איז ענלעך צום געוויין פון אַ זויג-קינד,
ווער עס הרגעט די הימל-פייגל פאַר צייט-פאַרטרייב נאָר,
אָדער ווער ס'האָט מיט דער אייגענער האַנט זיי אויסגעהאָדעוועט
כדי נאָכדעם זיי אויפצופרעסן!

מיט אייער געוואוינהייט פון גרויזאַמקייט,
שטייט איר נאָענט צו מענטשן־פרעסעריי!
אָ, האַלט אָפּ, באַדענקט אייך, איך באַשווער אייך, ברידער!
רייסט ניט אָפּ פון דעם אַקער, דורך מאָרד, דעם אָקס
דעם ערד־אַרבעטער!
זאָל ער, דינענדיק אונדז טריי,
שטאַרבן ניט מיט אַ גוואַלטזאַמען טויט;
פאַרניכטעט ניט די שוצלאָזע טשערעדעס!
זאָלן זיי אייך קליידן, וואַרעמען מיט זייער ווייכער וואָל,
און אָנטרינקען מיט זייער זיסער מילך,
פרידלעך לעבן זאָלן זיי, און רואיק שטאַרבן אויף
אייערע ברייטע פעלדער.
וואַרפט אַוועק די נעצן און פאַנג־שטריק!
טשעפּעט ניט די פייגעלעך אין הימל:
זאָלן זיי, זאָרגלאָז שוועבענדיק
זינגען פון גליק און פרייהייט.
די שלוי־געפלאָכטענע נעצן,
די האָקנס מיט טויט־טראָגנדיקער נאָרונג,
וואַרפט אַוועק!
די צוטרוילעכע פיש, פאַנגט ניט מיט פאַלשן באַטרוג!
די מענטשלעכע ליפּן באַפלעקט ניט מיטן בלוט,
פון לעבעדיקע באַשעפענישן.
שטערבלעכע, האָט מיטלייד מיט שטערבלעכע,
דערנערט אייך מיט דערלויבטע שפּייזן,
מיט שפּייזן וואָס פּאַסן פאַר דער ליבנדיקער און ריינער
נשמה פון דעם מענטשן.

אידיש: חיים גאָלדבלום

נ. ש. ד.

„שוחט השור מכה איש"

(ישעיה ס"ו, ג'.)

אָט די טיטול ווערטער זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון נביא ישעיה מיט צוויי און אַ האַלב טויזנט יאָר צוריק. זיי האָבן אָפּגעקלונגען אין די הערצער פון מענטשן אין פאַרשיידענע פעריאָדן פון דער מענטש־לעכער געשיכטע.

אויך דער חלום אָדער די נבואה פון „והיה באחרית הימים" איז אַן אומגעהויערע טרייסט פאַרן מענטשלעכן מין.

ווי אָפט קומט אויס צו פאַרצווייפלען אין אַנבליק פון דער מענטשלעכער ירידה; ווען מען גיט אַ טראַכט, אַז אין משך פון דורות זיינען מיליאָנען מענטשן אומגעקומען אין די שטענדיקע קאָנפליקטן צווישן מענטש און מענטש.

דאָך, האָבן די עטישע פערזענלעכקייטן תמיד געוועקט האָפענונגען, געמוטיקט דעם בן־אדם, אַז עס וועט קומען אַ צייט ווען דער מענטש וועט זיך באַזינען, און אַוועקוואַרפן די מלחמה כלי־זיין.

אַז עס זיינען געבליבן פונקען פון איידעלקייט אין די הערצער פון מענטשן באַווייזט די רירנדיקע דערציילונג פון פוירל באק אין איר בוך „מאדהער אוירטה" וועגן דעם כינעזישן פויער איינעם ווענג לאנג. דאָס בוך באַשרייבט אַ שוידערלעכע הונגער צייט וואָס דאָס כינעזישע פאָלק האָט איבערגעלעבט.

דאָס איז געווען אין אַ צייט ווען גאַנצע פעלדער זיינען פאַרניכטעט געוואָרן, גאַנצע משפחות זיינען אומגעקומען דורך קראַנקייטן פאַראור־זאַכט פון הונגער.

איז ניט געווען קיין אַנדער אויסוועג ווי אויפעסן די בהמות, וועלכע זיינען ביי זיי געווען דאָס איינציקע וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט.

ווי גרויזאַם איז אָבער געווען אַזאַ באַשלוס פאַר יענעם פויער, וועלכער איז יאָרן־לאַנג געווען צוגעבודן צו זיין בהמה, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ פריינט, ווי זיין בעסטער פריינט.

אָט דער פריינט האָט אים געהאָלפן אין קאַמף פאַר זיין און זיין משפחהס לעבנס־עקזיסטענץ.

ווענג לאַנג איז געשטעלט געוואָרן אין דעם סאַמע שרעקלעכסטן הונגער פעריאָד פאַרן נסיון אויפצועסן זיין גוטן פריינט, דעם שווערן אַרבעטער, די בהמה.

אָבער לאָמיר בעסער איבערגעבן די סצענעס, געשפּרעכן צווישן די משפּחה־מיטגלידער בעת זיי זענען געקומען פּנים אל פּנים מיטן גרויזאַמען שונא, דעם הונגער, לויט ווי זיי ווערן געשילדערט פון פוירל באַק:

— „מיר וועלן מוזן אויפעסן דעם אָקס" — רופט זיך אָן דער אַלטער. אויף דעם האָט וועגנ לאַנג געענטפערט מיט ווייטיק און געוויין:

— „מיר וועלן באַלד עסן אַ מענטשן" — אַזוי טייער איז ביי אים געווען די חיה.

און דאָ איז ווערט זיך אַ דערמאָן טאָן אָן דעם אויסגעשריי פון נביא ישעיה — „שוחט השור מכה איש", — („דער וואָס שעכט אַן אָקס, דערשלאָגט אַמענטשן").

מיר לייענען ווייטער:

„דער אָקס איז געווען זיין באַגלייטער אין די פעלדער, נאָכגעגאַנגען איז ער אים ביי דער אַרבעט. צייטנווייז אים געשאָלטן, אָן אַנדערש מאָל אים געליבט, אָט ווי זיין שטימונג איז געווען. ער איז אויסגעוואָקסן מיט אים פון זיין יוגנט אָן זינט דער אָקס איז נאָך אַ קליין קעלבל געווען".

קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— „ווי אַזוי קאָנען מיר דעם אָקס אויפעסן? ווי וועלן מיר אַקערן די ערד?"

דאָ האָט זיך דער אַלטער אָפּגערופן:

— „אויב ער מוז געקוילעט ווערן זאָל עס קומען, אָבער איך קאָן עס ניט טאָן. — ער האָט זיך צוריקגעצויגן אין זיין חדר, זיך אַוועקגע־לייגט אויפן בעט, איבערגעדעקט זיך מיט אַ קאָלדרע, כדי ניט צו הערן די גסיסה געשרייען פון דער בהמה בעת דעם שטאַרבן.

אָ לען האָט זיך געגרייט, זי איז אַריין אין קיך און געבראַכט אַ לאַנגן מעסער, און אַ שניט געטאָן דער בההמס האַלדז. און אָט אַזוי איז פאַרשניטן געוואָרן דאָס לעבן פון דער באַשעפעניש. זי האָט אַ נעם געטאָן אַ שיסל, און אונטערגעשטעלט אונטערן שניט ווי עס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אַ שטראָם בלוט. פונעם בלוט, און שטיקער פונעם ריזיקן טויטן קערפּער, האָט זי אָנגעהויבן צוגרייטן אַ מאָלצייט."

„וועגנ לאַנג איז נאָך אַלץ ני אַרויסגעקומען פון זיין צימער. ער האָט געוואַרט, אַז אַלץ זאָל זיין פאַראיבער. אַ צייט שפּעטער האָט די פרוי געגרייט עסן צום טיש, אַלע האָבן זיך אויסגעזעצט, אויך וועגנ־לאַנג. ווי נאָר ער האָט פּרובירט עסן דאָס פלייש פון זיין אָקס איז אים דער האַלדז פאַרשוואָלן געוואָרן, און ער האָט ניט געקאָנט עסן דאָס פלייש. ער איז אָפּגעקומען בלויז מיט אַ ביסל זופּ".

עס איז אויס דאַנקבאַרקייט וואָס וועגג־לאַנג האָט געפּילט צו זיין מיטהעלפער און שווערן אַרבעטער — דעם אָקס וואָס ער האָט אים ניט געוואָלט הרגענען אַפילו, צוליב הונגער, אין אַ גרויזאַמער הונגער־צייט.

וועלכע דאַנקבאַרקייט ווייזט דער היינטיקער מענטש אַרויס צו זיין חבר און פריינט, דעם אָקס אָדער פערד, וועלכער האָט דורות־לאַנג געהאָלפן דעם פויער, דעם פאַרמער אין דער שווערער האָרעוואַניע אויפצוהאַלטן זייערע משפחות? מיט דער הילף פונעם אָקס און פערד זיינען הייזער געבויט געוואָרן, שאָסייען געגראָבן געוואָרן פאַר דעם מענטשנס באַקוועמלעכקייט. אָן זיי, וואָלטן מיר דאָך ניט דערגרייכט צו דער היינטיקער מדרגה פון ציוויליזאַציע.

עס איז צו פאַרדאַנקען די שאָף, די פרידלעכע לעמעלעך וואָס מיט זייער וואָל האַלטן זיך וואַרעם די קינדער און דערוואַקסענע, מיט ווייכע וואַרעמע קליידער, איבערהויפּט אין די ווינטער־חדשים.

צי האָבן מיר ניט צו פאַרדאַנקען דער קו פאַר דער מילך וואָס זי גיט אַזוי שפּעדיק און טויזנטער שוואַכע דערהאַלטן זיך אָפּט פון קראַנ־קייט. אויך אומציילבאַרע קינדער, וועלכע זיינען געצוואונגען דורך אומ־שטענדן צו לעבן אויף קו־מילך?

מענטש! וואו איז דיין דאַנקבאַרקייט פאַר דעם אַלעמען? פאַר די מתנות וואָס דו באַקומסט פון די גוטע חיות, צאָלסטו זיי אָפּ מיט מאָרד! ווי גרויזאַם און אומדאַנקבאַר!

יאָ, מיר האָפן, אַז די פונקען פון מענטשלעכקייט טליען נאָך אין אַ סך הערצער פון דער אידישער אינטעליגענץ. צוזאַמען מיט ישעיה'ן וועלן זיי זאָגן:

„צו עסן דעם אָקס, איז פונקט ווי צו עסן אַ מענטש" — „שוחט השור מכה איש".

איידער אַ הויז פול מיט פלייש־סעודות אין קריג, בעסער אַ טרוקענער ביסן אין שלווה דערביי,

(משלי, י"ז)

ל. נ. טאָלסטאָי

אין שלאַכט־הויז

די טעג בין איך געווען אין שלאַכט־הויז אין אונדזער שטאָט טולאָ. דאָס שלאַכט־הויז איז ביי אונדז געבויט נאָך דעם נייעם פאַרפולקאָמטן סיסטעם, ווי אין די גרויסע שטעט, אַזוי, אַז די דערמאָרדעטע חיות זאָלן זיך וואָס ווייניקער מאַטערן. דאָס איז געווען פרייטיק, צוויי טעג פאַר טראָיצאַ. בהמות זיינען געווען זייער פיל.

נאָך פריער, לייענענדיק דאָס פראַכטפולע בוך: „די עטיק פון שפּייז"*) האָט זיך מיר פאַרוואָלט זיין אין שלאַכט־הויז, כדי מיט מיינע אייגענע אויגן צו באַטראַכטן און דערזען דעם תמצית פון דער זאַך, וועלכע מ'האָט אין זינען, ווען מען רעדט וועגן וועגעטאַריזם. ס'האָרץ האָט אָבער נישט דערלאָזן, אַזוי ווי דאָס האַרץ דערלאָזט געוויינלעך נישט צו צוקוקן די ליידן, וועלכע מוזן געשען, אָבער וועלכע דו ביסט נישט בכח אָפּצוהאַלטן; און איך האָב דעריבער אַלץ אָפּגעלייגט.

אָבער דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך אויפן וועג באַגעגענט מיט אַ קצב, וועלכער איז געגאַנגען אַהיים און האָט זיך איצט אומגעקערט קיין טולאָ. ער איז געווען נאָך נישט קיין געניטער קצב, און זיין פליכט איז געווען — צו שטעכן מיטן קינזשאַל. איך האָב אים געפרעגט, צי עס טוט אים נישט לייד צו הרגענען די בהמות. און ווי מען ענטפערט שטענדיק, האָט אויך ער געענטפערט: „צו וואָס רחמנות האָבן? מ'דאַרף דאָך". אָבער ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז עסן פלייש איז נישט נויטיק, האָט ער מסכים געווען, און האָט דאַן איינגעשטימט, אַז עס איז טאַקע אַ רחמנות. "וואָס־זשע זאָל מען טאָן? מען מוז דאָך עסן", — האָט ער געזאָגט. „פריער האָב איך מורא געהאַט צו שלאַכטן. מיין פאָטער האָט אין זיין לעבן אַפילו קיין הינדל נישט געקוילעט". — מערסטנס קענען מענטשן נישט הרגענען. זיי האָבן מיטלייד, אויסדריקנדיק דעם געפיל מיטן וואָרט: „מורא האָבן". ער האָט אויך מורא געהאַט, אָבער ער האָט אויפגעהערט. ער האָט מיר דערקלערט, אַז די גרעסטע אַרבעט איז פרייטיק, און ס'פאַרציט זיך ביזן אָוונט.

אַט דאָ ניט לאַנג האָב איך זיך אויך צערעדט מיט אַ סאָלדאַט, אַ קצב. און ער איז אויך געווען פאַרוואונדערט פון מיין באַהויפּטונג, אַז ס'איז אַ רחמנות צו הרגענען. און, ווי תמיד, האָט אויך ער געזאָגט, אַז

* The Ethic of Diet, *By Howard Williams.*

אַזוי מוז דאָס שוין זיין; דערנאָך אָבער האָט ער איינגעשטימט: „באַ־זונדערס, דאָס שטילינקע, היימישע קיעלע. זי גייט די האַרציקע, זי גלויבט דיר. כ'לעבן אַ רחמנות!

מיר זיינען אַמאָל געגאַנגען פון מאָסקווע און אויפן וועג האָבן אונדז אונטערגעפירט די בעלי־עגלות, וואָס זיינען געפאָרן פון סער־פּוכאוו צום סוחר אין וואַלד נאָך האָלץ. ס'איז געווען פאַר יום־טוב. איך בין געזעסן אויף דער פאָדערשטער פור מיטן פורמאַן, אַ פויער, אַ געזונטער, אַ רויטער, אַ גראָבער, און, וואַרשיינלעך, אַ שטאַרקער טרינקער. אַריינפאָרנדי'ק אין אַ דאָרף, האָבן מיר דערזען, ווי פון אַ הויף האָט מען געשלעפּט צו דערהרגענען אַ גרויסן, אָפּגעפּאַשעטן, רויטלעכן חזיר. ער האָט געקוויטשעט מיט אַ פאַרצווייפלטער שטימע, וואָס איז געווען ענלעך אויף אַ מענטשלעכן געשריי. פונקט אין דער צייט, וואָס מ'יר זיינען פאַרבייגעפאָרן, האָט מען דעם חזיר אויפגעהויבן צו קוילענען. איינער פון די מענטשן האָט אים אַ פּיר געגעבן מיט אַ מעסער איבערן האַלדז. ער האָט נאָך שטאַרקער, נאָך שרעקליכער גענומען קוויטשען, האָט זיך אויסגעריסן און איז אַוועקגעלאָפן, זיך באַגיסנדיק מיט בלוט. איך בין קורצזיכטי'ק, און איך האָב נישט געזען אַלץ גענוי, איך האָב בלויז געזען דאָס רויטלעכע לייב פונם חזיר ווי אַ מענטשנס. און כ'האָב געהער'ט זיין פאַרצווייפלט קוויטשעריי; אָבער דער פורמאַן האָט גע־זען אַלע איינצלהייטן, און, ניט אָפּרייסנדיק קיין אויג, האָט ער געקוקט אַהינצו. דעם חזיר האָט מען געכאַפּט, אַנידערגעשליידערט און גענומען צו דערקוילענען. ווען דאָס קוויטשען האָט זיך איינגעשטילט, האָט דער פורמאַן שווער אָפּגעזיפצט... „ניט שוין־זשע וועלן זיי פאַר דעם קיין חשבון נישט אָפּגעבן?" האָט ער אַרויסגערעדט.

אַזוי שטאַרק איז ביים מענטשן דער עקל צו יעדן מאָרד, אָבער דורך אייגענעםביישפּיל, דורך אויפרייצן די מענטשלעכע תאוות, דורך דעם באַהויפּטן, אַז ס'איז דערלויבט פון גאָט, און הויפּטזעכלעך דורך געוואוינהייט, ברענגט מען די מענטשן צום פולשטענדיקן פאַרלירן פון דעם נאַטירלעכן געפיל.

פרייטיק בין איך געגאַנגען אין שלאַכט־הויז, און באַגעגנדיק מיינעם אַ באַקאַנטן, אַ שטילן און גוטן מענטשן, האָב איך אים איינגעלאַדן צו גיין מיט מיר.

— יאָ, איך האָב געהערט, אַז דאָ איז גוט איינגעאָרדענט, און האָב געוואָלט אַ קוק טאָן, אָבער אויב מען קוילעט דאָרטן, וועל איך ניט אַריינגיין.

— פאַרוואָס ? איך וויל דוקא דאָס זען ! אויב עסן פלייש, מוז מען דאָך שלאַכטען.

— ניין, ניין, איך קען נישט !

מערקווירדיק איז דערביי וואָס אַט דער מענטש איז אַליין אַ יעגער און הרגעט פויגלען און ווילדע חיות.

מיר זיינען אָנגעקומען. בווּם אַריינפאָר האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פילן אַ שווערער עקלהאַפטער פוילער ריח, ווי פון סטאַליערשע קליי אָדער קליי־פאַרב. וואָס ווייטער מיר זיינען געגאַנגען, אַלץ שטאַרקער איז געווען דער גערוך. די געביידע — אַ רויטע, פון ציגל, זייער אַ גרויסע, מיט אַרקע און הויכע קוימענס. מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין די טויערן. רעכטס איז געווען אַ גרויסער אַרומגעצאַמטער הויף פון אומגעפער 1 און אַ פערטל דעסיאַטינע — דאָס איז אַ קליינער, אָפענער פלאַץ, וואוהין מ׳פאַרטרייבט די פאַרקויפטע בהמות, — און אויף דעם עק פון דעם פלאַץ איז געווען דאָס שטיבל פון דעם דוואָרניק (הויף־אויפזעער) ; לינקס זיינען געווען, ווי זיי רופן דאָס, די קאַמערן, ד.ה. צימערן מיט רונדע טויערן, מיט אַן אַספאַלטענעם, אויסגעבויגענעם באָדן, און מיט איינריכטונגען צו אויפהענגען און איבעררוקן די טויטע קערפּערס. ביי דער וואַנט פון דעם שטיבל רעכטס, זיינען אויף אַ באַנק געזעסן אַ זעקס קצבים אין פאַרטוכער, באַגאָסענע מיט בלוט, מיט פאַר־קאַשערטע, פאַרשפּריצטע אַרבל אויף די מוסקולירטע הענט. שוין אַ האַלבע שטונדע, ווי זיי האָבן געענדיקט זייער אַרבעט, אַזוי, אַז מיר האָבן דאָס מאָל נאָר געקענט זען ליידיקע קאַמערן. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס פוןביידע זייטן זיינען די טוירען געווען אָפן, איז אין קאַמער געווען אַ שווערער גערוך פון וואַרעם בלוט. דער באָדן איז אינגאַנצן געווען אַ ברוינער, אַ גלאַנצנדיקער, און אין די גריבעלעך האָט זיך אָפּ־געשטעלט פאַרגליווערט, שוואַרץ בלוט.

איינער פון די קצבים האָט אונדז דערציילט, ווי אזוי זיי קוילענען, און האָט אונדז אָנגעוויזן דעם פלאַץ, וואו דאָס קומט פאָר. איך האָב אים ניט אין גאַנצן פאַרשטאַנען און איך האָב זיך געשאַפן אַ פאַלש, אָבער זייער שרעקלעך בילד פון דעם, ווי אַזוי מ׳דערהרגעט די לעבעדיקע בהמות, און האָב געדענקט, ווי עס טרעפט זיך אָפט, אַז דיווירקלעכקייט וועט אויף מיר מאַכן אַ קלענערן איינדרוק, ווי דאָס פאַרגעשטעלטע. אָבער אין דעם האָב איך אַ טעות געהאַט.

דאָס צווייטע מאָל בין איך שוין אין שלאַכט־הויז געקומען אין צייט. דאָס איז געווען פרייטיק פאַר טראיצא. עס איז געווען אַ הייסער

יוני־טאָג. דער ריח פֿון קליי, פֿון בלוט איז נאָך געווען שטאַרקער, באַ־מערקבאַרער, ווי ביי מיין ערשטן באַזוך. די אַרבעט איז געווען אין רעכטן ברען. דער גאַנצער שטויביקער בריקל איז געווען פֿול מיט בהמות, און בהמות זיינען אויך געווען אריינגעטריבן אין אַלע שטאַלן לעבן די קאַמערן. ביים אַריינפֿאַר, אויף דער גאַס, זיינען געשטאַנען פֿורן מיט צו־געבונדענע אָקסן, קעלבער און פֿי—צו די שטאַנגען און דישעלס. וועגענער איינגעשפּאַנטע מיט גוטע פֿערד, מיט אָנגעוואָרפֿענע לעבעדיקע קעל־בער, וואָס טרייסלען זיך מיט זייערע אַראָפּגעהאָנגענע קעפּ, זיינען צוגעפֿאָרן און האָבן זיך אַלע מאָל אויסגעליידיקט; און פּונקט אַזעלכע וועגן, מיט אַרויסגעשטעקטע, שאָקלנדיקע פֿיס פֿון געקוילעטע אָקסן, מיט זייערע קעפּ, העל רויטע לונגען און ברוינע לעבערס — זיינען אָפּגע־פֿאָרן פֿון שלאַכט־הויז. ביים פּלויט זיינען געשטאַנען די רייט־פֿערד פֿון די „הורטאָוושטשיקעס" די הורט־סוחרים גופא זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן הויף אין זייערע לאַנגע פּראַקן, מיט ריטער און בייטשן אין די הענט, אָדער אָנמערקענדיק מיט דזשעגאַכטס די בהמות פֿון איין בעל־הבית, אָדער דינגענדיק זיך, אָדער באַלעבאַטעווענדיק מיטן איבערפֿירן די אָקסן און קי פֿונם בריקל אין די שטאַלן, פֿון וועלכע די בהמות קומען שוין אַרויס גלייך אין די קאַמערן. אָט די מענטשן זיינען, ווי עס שיינט, שטאַרק געווען פֿאַרנומען מיט געלט־אָנגעלעגנהייטן, מיט פֿאַרשיידענע חשבונות, און דער געדאַנק צי עס איז גוט אָדער שלעכט צו הרגענען די חיות איז פֿון זיי געווען פּונקט אַזוי ווייט, ווי דער געדאַנק וועגן דעם, פֿון וואָס פֿאַר אַ כעמישן באַשטאַנד עס איז די בלוט, מיט וועלכער עס איז געווען באַגאָסן דער באָדן פֿון דער קאַמער.

פֿון די קצבים האָט מען קיינעם נישט געזען אויפֿן הויף. אַלע זיינען זיי געווען אין די קאַמערן, אַרבעטנדיק. אין דעם טאָג זיינען אויסגע־קוילעט געוואָרן עפּעס אַ 100 שטיק אָקסן. איך בין אַריין אין קאַמער און געבליבן שטיין ביי דער טיר. אָפּגעשטעלט זיך ביי דער טיר האָב איך דערפֿאַר, וואָס אין קאַמער איז זייער ענג געווען פֿון די הענגנדיקע גופֿים און ווייל דאָס בלוט האָט געפּלאָסן אונטן און געקאַפּעט פֿון אויבן, און אַלע קצבים, וועלכע האָבן זיך דאָ געפֿונען, זיינען געווען אויס־געשמירט אין בלוט, און אַריינגייענדיק אין דער מיט, וואָלט איך זיך זיכער אויך אויסגעשמירט אָן בלוט. איין אונטערגעהאָנגענעם גוף האָט מען אַרונטערגענומען, דעם צווייטן האָט מען איבערגערוקט צו דער טיר, דער דריטער — אַ געהרגעטער אָקס, איז געלעגן מיט זיינע ווייסע פֿיס אַרויף, און דער קצב האָט מיט זיין שטאַרקן פֿויסט געשונדן די אויס־געצויגענע פֿעל. פֿון דער טיר, וואָס אַנטקעגן דער, ביי וועלכער איך

בין געשטאַנען, האָט מען אין דערזעלבער צייט אריינגעפֿירט אַ גרויסן, רויטן, זאַטן אָקס. צווייען האָבן אים געשלעפּט. זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אים אַריינצופֿירן, ווי איך האָב דערזען, ווי איינער אַ קצב האָט אַ הויב געטאָן זיין מעסער איבער זיין האַלדז און אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן. דער אָקס איז אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן בויך, גלייך ווי מ׳וואָלט אים מיט אַמאָל אַלע פֿיר פֿיס אונטערגעהאַקט, האָט זיך באַלד איבערגעקאַטשעט אויף אַ זייט און האָט אָנגעהויבן צו וואַרפֿן מיט די פֿיס און מיטן גאַנצן הינטער־חלק. באַלד האָט זיך איין קצב אַ וואָרף געטאָן אויף דעם פֿאָ־דערטייל פֿון אָקס, אָנגעכאַפּט די הערנער, צוגעדריקט דעם קאָפּ צו דער ערד, און אַן אַנדערער קצב האָט מיט אַ מעסער אים איבערגעשניטן דעם האַלדז, און פֿון אונטער זיין קאָפּ האָט אַ שטראָם געטאָן שוואַרץ־רויטע בלוט, אונטער וועלכע אַן איינגעשמירטער יינגל האָט אונטערגעשטעלט אַ בלעכענעם בעקן. פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס מ׳האָט דאָס געטאָן, האָט זיך דער אָקס אָן אויפֿהער געריסן מיטן קאָפּ, פּרובירנדיק זיך אויפֿצוהויבן, און האָט זיך געשלאָגן מיט אַלע פֿיר פֿיס אין דער לופֿטן. דער בעקן איז שנעל אָנגעפֿילט געוואָרן, אָבער דער אָקס איז נאָך אַלץ געווען לעבעדיק און, שווער פֿאָכנדיק מיטן בויך, האָט ער געוואָרפֿן מיט די פֿאָדערשטע און הינטערשטע פֿיס, אַז די קצבים האָבן זיך געמוזט אָפּרוקן פֿון אים, ווען איין בעקן איז פֿול גע־וואָרן, האָט אים דער יינגל אַוועקגעטראָגן אויפֿן קאָפּ אין דער אַל־בומינען־פֿאַבריק. אַן אַנדערער האָט אונטערגעשטעלט נאָך אַ בעקן, וועלכער האָט אויך אָנגעהויבן זיך אָנצופֿילן. דער אָקס האָט נאָך אַלץ געפֿאָכעט מיטן בויך און געוואָרפֿן מיט די הינטערשטע פֿיס. ווען דאָס בלוט האָט אויפֿגעהערט צו רינען, האָט דער קצב אונטערגעהויבן דעם אָקס׳ קאָפּ און אָנגעהויבן אַרונטערצורייסן פֿון אים די פֿעל. דער אָקס האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין וואַרפֿן זיך. דער קאָפּ איז נאַקעט גע־וואָרן, געוואָרן רויט איבערגעצויגן מיט ווייסע אָדערן, און האָט באַקומען דעם אויסזען, וואָס די קצבים האָבן אים געגעבן. פֿון ביידע זייטן איז אַראָפּגעהאָנגען די פֿעל. דער אָקס האָט נישט אויפֿגעהערט זיך צו וואַרפֿן און אַן אַנדער קצב האָט אָנגעכאַפּט דעם אָקס ביי אַ פֿוס, איינגעבראָכן און אָפּגעשניטן. אין בויך און אין די איבעריקע פֿיס איז איבערגעלאָפֿן אַ מין ציטער. מען האָט אָפּגעשניטן אויך די איבעריקע פֿיס און זיי אַוועקגעוואָרפֿן אַהין, וואו מען האָט צונויפֿגעוואָרפֿן די אָקסענע פֿיס פֿון איין בעל־הבית. נאָכדעם האָט מען צוגעשלעפּט די טויטע מאַסע צום קלאָץ, דאָרט האָט מען זי צעהאַקט אויף שטיקער, און דאָרט איז שוין מער אויך קיין באַוועגונג נישט געווען.

אַזוי האָב איך געקוקט פון דער טיר אויפֿן צווייטן, דריטן, פירטן אָקס. מיט אַלע איז געווען דאָסזעלבע: דערזעלבער אָפּגעשונדענער קאָפּ, מיטן פאַרביסענעם צונג און מיטן זיך וואַרפנדיקן הינטער־חלק. דער אונטערשייד איז געווען נאָר, וואָס נישט שטענדיק איז עס דעם שלאַכטער געלונגען צו טרעפן אין ריכטיקן פלאַץ. עס פלעגט פּאַסירן, אַז דער שלאַכטער האָט ניט געטראָפן, און דער אָקס האָט זיך געוואָרפן, געשריען, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, און געריסן זיך פון די הענט. דאַן אָבער פלעגט מען אים אַרונטערציען אויטערן קלאַץ, ווידער — אַ קלאַפּ מיטן מעסער, און דער אָקס איז געפאַלן.

איך בין נאָכדעם אַריינגעגאַנגען פון דער זייט, פון יענער טיר דורך וועלכע מען פֿירט אַריין. דאָ האָב איך געזען דאָסזעלבע, אָבער נאָענטער, און דערפאַר דייטלעכער. איך האָב דאָ, דער עיקר, דערזען דאָס, וואָס כ׳האָב פון דער ערשטער טיר נישט געזען: מיט וואָס מען האָט גע־צוואונגען די אָקסן אַריינצוגיין אין טיר. יעדעס מאָל, ווען מען האָט גענומען אַן אָקס פון הויף און מען האָט אים געשלעפּט מיט אַ שטריק צוגעבונדן צו די הערנער, פלעגט ער, פילנדיק בלוט, איינשפּאַרן זיך, אָפּטמאָל שרייען און זיך צוריקשטופּען. מיט געוואַלט אים אַריינשלעפּן וואָלט פּאַר צוויי מענטשן אוממעגלעך געווען, און דערפאַר פלעגט יעדעס מאָל, ביי אַזאַ פאַל, אונטערקומען אַ קצב פון הינטן, אָננעמען דעם אָקס פאַרן עק און אים אַזוי שטאַרק דרייען, אַז די קנאָכן האָבן אַזש געקנאַקט, און דער אָקס פלעגט זיך דאַן רוקן ווייטער.

געענדיקט מיט די אָקסן פון איין בעל־הבית, האָט מען אָנגעהויבן צו פירן די בהמות פונעם צווייטן. די ערשטע בהמה פון דער פּאַרטיע איז געווען אַ בוהיי (סטיר), אַ שטאַלצער, שיינער, שוואַרצער, מיט ווייסע פלעקן און ווייסע פיס, — אַ יונגע, מוסקולירטע, ענערגישע חיה. מען האָט אים געשלעפּט. ער האָט אַראָפּגעלאָזן זיין קאָפּ און האָט זיך אַנטשלאָסן איינגעשפּאַרט. נאָר דער קצב, וואָס איז געגאַנגען פון הינטן, האָט אים אָנגענומען ביים עק, ווי אַ מאַשיניסט נעמט אָן די הענטל פון אַ פייפל, האָט אים איבערגעדרייט; די קנאָכן האָבן געקנאַקט, און דער בוהאַי האָט זיך אַ לאָז געטאָן פאָראויס אומוואַרפנדיק זיינע מחבלים, וואָס האָבן אים געשלעפּט פאַרן שטריק, און ווידער זיך איינגעשפּאַרט, ניט קיין טריט צו מאַכן, קוקנדיק אָן אַ זייט מיט זיין מיט בלוט פאַרגאָסענעם אויג. דער עק האָט ווידער אָנגעהויבן קנאַקן, דער בוהאַי האָט זיך אַ ריס געטאָן און איז באַלד געווען דאָרט, וואו ער האָט געדאַרפט זיין. דער שלאַכטער איז צוגעגאַנגען, זיך צוגעצילט און אַ קלאַפּ געטאָן. דער קלאַפּ האָט ניט געטראָפן אין ריכטיקן אָרט.

דער בוהאַי איז אונטערגעשפּרונגען, אָנגעהויבן דרייען מיטן קאָפּ, אַרויס־געלאָזן אַ ווילדן געשריי און, באַגיסנדיק זיך מיט בלוט, האָט ער זיך אַרויסגעריסן און אַ וואָרף געטאָן זיך צוריק. אַלע, וואָס זיינען געשטאַנען אין טיר, האָבן אויפגעציטערט. די געניטע קצבים האָבן מיט העלדישקייט וואָס האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבעט פון געפאַר, גיך אָנגעכאַפּט דעם שטריק, ווידער אַמאָל ביים עק, און דער בוהאַי האָט זיך ווידער געפונען אין קאַמער, וואו מען האָט זיין קאָפּ צוגעצויגן אונטערן קלאָץ, פון וואַנען ער האָט זיך שוין נישט אַרויסגעריסן. דער שלאַכטער האָט שנעל מיטן אויג אויסגעמאָסטן דאָס אָרט, וואו די האָר צוגייען זיך אויפן שטערן, און ניט קוקנדיק אויפן בלוט, האָט ער עס געפונען, און אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן, און די שיינע, פול מיט לעבן, בהמה, איז אומגעפאַלן, זיך אָנגעהויבן צו שלאָגן מיטן קאָפּ, מיט די פיס, ביז מען האָט אַרויסגע־לאָזן דאָס בלוט און אָפּגעשונדן דעם קאָפּ.

— אַזאַ פאַרפלוכטער טייוול, געפאַלן איז ער אויך נישט, וואו מען דאַרף! האָט געמורמלט דער קצב, אַראָפּשניידנדיק די הויט פון קאָפּ.

אין 5 מינוט אַרום האָט שוין אַרויסגעשטאַרצט אַ רויטער, אָנשטאָט דעם פריערדיקן שוואַרצן קאָפּ, מיט פאַרגלייזטע אויגן, וועלכע האָבן מיט פינף מינוט צוריק געגלאַנצט מיט אַזאַ שיינעם קאָליר.

נאָכדעם בין איך געגאַנגען אין דער אָפּטיילונג, וואו מען שניידט די קליינע פי. זייער אַ גרויסע קאַמער, אַ לאַנגע מיט אַן אַספאַלטענעם דיל און טישן מיט פאַרענטשעס, אויף וועלכע מען קוילעט שעפּסן און קעלבער. דאָ איז שוין די אַרבעט געווען פאַרענדיקט; אין דער לאַנגער קאַמער, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן גערוך פון בלוט, זיינען געווען בלויז צוויי קצבים. איינער האָט געבלאָזן אין פוס פון אַ שוין געהרגעטן באַראַן און האָט געפאַטשט מיטן האַנד איבער דעם אָנגע־בלאָזענעם בויך; דער אַנדערער, אַ יונגער חברה־מאַן אין אַ מיט בלוט־פאַרשפּריצטן פאַרטוך, האָט געררויכערט אַן אויסגעבויגענעם סיגאַרעט. מער איז קיינער נישט געווען אין דער טונקעלער, לאַנגער מיט אַ שלעכטן גערוך דורכגעזאַפּטער קאַמער. באַלד נאָך מיר איז אַריינגעקומען נאָכן אויסזען נאָך, אַן אויסגעדינטער סאָלדאַט און האָט אַריינגעבראַכט אַ יונג, שוואַרץ לעמעל, מיט צונויפגעבונדענע פיס און מיט אַ צייכן אויפן האַלדז, און האָט עס אַוועקגעלייגט אויף איינעם פון די טישן, אַזוי ווי אויף אַ בעטל. דער סאָלדאַט, ווי עס שיינט, אַ באַ־קאַנטער, האָט זיך געגריסט, פאַרפירט אַ שמועס וועגן דעם ווען דער בעל־הבית לאָזט פריי. דער יונג מיטן סיגאַרעטל איז צוגעגאַנגען מיט אַ מעסער, וועלכן ער האָט אַ פּיר געטאָן איבערן ברעג טיש, און האָט

געגטפערט, אַז יום־טוב־צייט. דאָס לעבעדיק לעמעלע איז געלעגן פונקט אַזוי שטיל, ווי דער טויטער באַראַן, אָנגעבלאָזן, נאָר שנעל שאָקלנדיק מיטן קורצינקן ווידעלע, און פּאָכנדיק מיט די זייטן עפּטער, ווי געוויינלעך. דער סאָלדאַט האָט לייכט, אָן אָנשטרענגונג, אונטערגעהאַלטן זיין אויפגעהויבענעם קאָפּ; דער יונג, פאַרטזעצנדיק דעם געשפּרעך, האָט דעם לעמעל אָנגענומען מיט דער לינקער האַנט פאַרן קאָפּ, און רואיק איינגעשניטן זיין האַלדז. דאָס לעמעל האָט זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, און זיין עק האָט זיך שוין אויפגעהערט צו דרייען. דער יונג, אָפּוואַרטנדיק ביז דאָס בלוט וועט אָפּפליסן, האָט אָנגעהויבן צו פאַררויכערן דעם אויסגעלאָשענעם ציגאַרעט. דאָס בלוט האָט זיך געגאָסן, דאָס לעמעל האָט זיך געוואָרכן, און דער געשפּרעך איז אָנגעגאַנגען אָן אונטערברעכונג.

און יענע הינער און הינדלעך, וועלכע שפּרינגען יעדן טאָג אין טויזנטער קיכן, אַזוי קאָמיש און שו־עקלעך, מיט די אַרונטערגעשניטענע קעפּלעך, זיך פאַרגיסנדיק מיט בלוט און וואַרפנדיק מיט די פליגלען!

און זע, אַן אײדעלע, צאַרטע דאַמע וועט פרעסן די קערפּערס פון אָט די חיות מיט פולער זיכערהייט אין איר גערעכטיקייט, באַהויפּטנדיק צוויי קעגזעצלעכע, איינס דאָס אַנדערע אויסשליסנדיקע הנחות.

ערשטנס, אַז זי, ווי עס פאַרזיכערט איר איר דאָקטאָר, איז אַזוי דעליקאַט, אַז זי קאָן נישט אַריבערטראָגן בלויז פלאַנצן־שפּייז, און אַז פאַר איר שוואַכן אָרגאַניזם איז איר נויטיק פלייש־שפּייז; און צווייטנס, אַז זי איז אַזוי עמפּפינדלעך, אַז ניט נאָר קען זי אַליין קיין יסורים נישט פאַרשאַפן, נאָר זי קען עס אַפילו נישט צוזען.

און דאָך איז זי שוואַך, אָט די אָרימע פריצטע, נאָר דערפאַר, וואָס מען האָט איר צוגעוואוינט צו נערן זיך מיט שפּייז, וועלכע איז נישט נאַטירלעך פאַר מענטשן; ווידער מוז זי פאַרשאַפןליידן צו חיות, ווייל זי פרעסט דאָך זיי.

מיר קענען זיך ניט איינריידן, אַז מיר ווייסן דאָס נישט. מיר זיינען ניט קיין שטרויס־פויגל, און מיר קאָנען ניט גלויבן, אַז אויב מיר וועלן נישט קוקן, דאַן וועט נישט זיין דאָס, וואָס מיר ווילן נישט זען. נאָך מער איז דאָס אוממעגלעך, ווען מיר ווילן נישט זען דאָס יעניגע, וואָס מיר ווילן עסן. און איבערהויפּט, ווען עס וואָלט כאָטש געווען נויטווענדיק. נאָר לאָמיר זאָגן, אַז עס איז נישט נויטווענדיק, דאַרף מען עס אָבער אויף עפּעס האָבן? — אויף גאָרנישט.*) נאָר דאַרויף, כדי צו דערציען אין זיך חיהשע געפילן, אַנטוויקלען אין זיך שלעכטע לייי־דענשאַפטן, אויסגעלאַסנקייט, שכרות. וואָס עס ווערט אויך שטענדיק

באַשטעטיקט דורך דעם, וואָס יונגע, גוטע, ניט פאַרדאָרבענע מענטשן, איבערהויפּט פרויען און מיידלעך, פילן, ניט ווייסנדיק, ווי אַזוי איינס קומט אַרויס פונם צווייטן, אַז טוגנד און זיטליכקייט קאָן זיך ניט חברן מיט אַ ביפסטעק, און ווען זיי באַקומען אַ פאַרלאַנג צ ווערן גוטע מענטשן, וואַרפן זיי גלייך אַוועק דאָס פלייש־עסן.

וואָס־זשע וויל איך זאָגן? אַז כדי מענטשן זאָלן זיין מאָראַליש, מוזן זיי אַוועקוואַרפן דאָס פלייש־עסן? ניין, לחלוטין נישט.

איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז כדי צו פירן אַ גוט לעבן, איז נויטיק אַ געוויסע אָרדענונג פון גוטע טאַטן; אַז אויב דאָס שטרעבן צו אַ גוט לעבן איז ערנסט ביים מענטשן, דאַן וועט עס אומבאַדינגט אָננעמען אַ געוויסע אָרדענונג; און אַז אין דער אָרדענונג וועט די ערשטע טוגענד זיין — דאָס צוריקהאַלטן זיך און זעלבסטבאַהערשונג. שטרעבנדיק אָבער צום צוריקהאַלטן זיך, וועט דער מענטש אומבאַדינגט ווידער נאָכפאָלגן אַ געוויסע אָרדענונג, און אין דער דאָזיקער אָרדענונג וועט דאָס ערשטע זיין דאָס צוריקהאַלטן זיך אין שפּייז; עס וועט זיין דער תענית. פאַסטענדיק, — אויב ער זוכט ערנסט און אויפריכטיק דאָס גוטע לעבן, — וועט ער פריער פון אַלץ זיך אָפּהאַלטן פון עסן פלייש פון חיות, ווייל, שוין נישט רײדנדיק וועגן דעם, וואָס דאָס דערוועקט די ליידנשאַפטן, איז דער געברויך פון פלייש איינפאַך אוממאָראַליש, ווייל עס פאָדערט אַ טאַט, וואָס איז מיאוס און קעגן דער מאָראַל — דאָס מאָרדן, און דאָס ווערט אַרויסגערופן נאָר פון פרעסעריי, פון באַגער צו נאַשעריי.

פאַרוואָס דוקא דאָס צוריקהאַלטן זיך פון פלייש עסן וועט זיין דער ערשטער טריט אין פאַסטן און מאָראַלישן לעבן, איז שוין גענוג גוט דערקלערט, און נישט פון איין מענטשן, נאָר פון דער גאַנצער מענטשהייט דורך אירע בעסטע פאָרשטייער אינעם משך פון דעם גאַנצן באַוואוסטזיינקן לעבן פון דער מענטשהייט.

אָבער פאַרוואָס, אויב די אומגעזעצלעכקייט, איך מיין, די אוממאָראַלישקייט פון פלייש־עסן איז אַזוי לאַנג באַקאַנט דער מענטשהייט, זיינען די מענטשן דאָך נאָך ביז איצט נישט געקומען צום

*) די וועלכע צווייפלען אין דעם, זאָלן לעזן יענע צאָלרייכע, צוזאַמענגעשטעלטע פון גרויסע געלערנטע און דאָקטוירים, ביכער איבער דעם ענין, אין וועלכע עס ווערט דערוויזן, אַז פלייש איז ניט נויטיק פאַרן מענטשנס נאַרונג. און זאָלן זיי זיך נישט צוהערן צו די אַלטמאָדישע דאָקטוירים, וועלכע פאַרטיידיקן די נויטווענדיקייט פון פלייש־עסן נאָר דערפאַר, ווייל זייערע עלטערן און אור־עלטערן האָבן עס אָנערקענט, און זיי אָנערקענען עס אויך. זיי פאַרטיידיקן דאָס מיט אַ מין עקשנות און קנאה, ווי מען פאַרטיידיקט תמיד אַלץ, וואָס איז אַלט און אָפּגעלעבט.

אָנערקענען פון דעם וויכטיקן געזעץ? וועלן פרעגן מענטשן, וועלכע זיינען פון שטענדיק געוואוינט צו פירן זיך ניט אַזוי פיל לויט זייער איי־גענעם פאַרשטאַנד, ווי לויט דער אַלגעמיינער מיינונג. די תשובה אויף דער פראַגע איז, אַז די גאַנצע עטישע באַוועגונג פון דער מענטשהייט, וואָס שאַפט דעם יסוד פון יעדער באַוועגונג, גייט שטענדיק זייער לאַנגזאַם; אָבער, אַז דער סימן פון אן אמתער, ניט צופעליקער באַוועגונג איז איר אומאויפהערלעכקייט אין איר כסדרדיקער פאַרשנעלערונג.

און אַזוי איז די באַוועגונג פון וועגעטאַריזם. די באַוועגונג איז אויסגעדריקט אין אַלע געדאַנקען פון יענע געלערטע דענקער, וועלכע זיינען אויסגערעכנט אין בוך „די שפייז־עטיק" און אין לעבן פון דער מענטשהייט אַליין, וועלכע גייט ביסלעכווייז, אַלץ מער און מער, אומ־באַוואוסטזיניק פון פלייש־עסן צו פלאַנצן־שפייז, און באַוואוסטזיניק — אין דער באַוועגונג פון וועגעטאַריזם, וועלכע שפּאַנט פאָרווערטס מיט אַזעלכע גיגאַנטישע שריט און פאַרכאַפּט אַלץ גרעסערע שטרעקן. די באַוועגונג גייט פאַר די לעצטע 10 יאָר אַלץ שנעלער און שנעלער: אַלץ מער און מער ביכער און זשורנאַלן דערשיינען יעדעס יאָר, וועלכע ווערן אַרויסגעגעבן צוליב דעם צוועק; אַלץ מער באַגעגענען מיר מענטשן, וועלכע זאָגן זיך אָפּ פון פלייש־עסן; און אין אויסלאַנד, באַזונדערס אין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און אַמעריקע פאַרגרעסערט זיך מיט יעדן יאָר די צאָל פון די וועגעטאַרישע האָטעלן און רעסטאָראַנען.

אָט די באַוועגונג דאַרף באַזונדערס זיין טייער פאַר מענטשן, וואָס לעבן מיט דער שטענדיקער שטרעבונג צו פאַרווירקלעכן גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד, ניט דערפאַר, ווייל דער וועגעטאַריזם איז אַ וויכטיקער שריט צו דעם קעניגרייך (אַלע אמתע שריט זיינען אַ־י וויכטיק, אי ניט וויכטיק), נאָר דערפאַר, ווייל דאָס דינט פאַר אַ סימן, אַז דאָס שטרעבן צו מאָראַלישער שלימות פון דעם מענטשן איז ערנסט און אויפ־ריכטיק, ווייל דאָס שטרעבן האָט אָנגענומען די איינע אומפאַרענדער־ליכע אָרדענונג, וואָס הויבט זיך אָן פון ערשטן שטאַפּל.

מען קען זיך, באמת פרייען דערמיט, פונקט ווי עס וואָלטן געקענט זיך פרייען די מענטשן, וועלכע, שטרעבנדיק אַרויפצוגיין אין דער הויך פון אַ הויז, האָבן פריער אומזיסט געקלעטערט אויף די ווענט פון פאַר־שיידענע זייטן און האָבן פלוצלינג געפונען דעם ערשטן שטאַפּל פונעם לייטער, און אַלע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום אים, ווויסנדיק, אַז קיין אַנדער וועג אַרויף־צו איז נישטאָ, אַ חוץ דעם ערשטן שטאַפּל פונעם לייטער.

אידיש: **ח. גאָלדבלום**

מאיר זימל טקאטש *

אויגן און שטערן

אין דזשאַנגל גליען אויגן — פעך און שוועבל,
נאָר גאָט פון הימל ווינקט מיט מילדע שטערן:
אַזוי וועט מילד אַמאָל די ערד נאָך ווערן.
איך נעם אַרום פון טאָרבע ברויט אַ לעבל,
צעברעך דאָס ברויט אויף העלפט, דערנאָך אַן עפּל
און כ׳שליס אַ בונד — אויף אייביק צו געווערן —
מיט גאָט, וואָס וועט אַמאָל דער ערד באַשערן
דעם פריד פון מילכיק־ווייסן שטערן־נעפּל.

און כ׳צינד אַ שייטער אָן פון סאָסנע־צווייגן.
די פלאַמען שפּרינגען און די פונקען שטייגן:
שטייגט, פונקען, הויך און לאָזט די שטערן גריסן.
די חיות גליען נאָך מיט שוועבל־אויגן.
מיין פייער שרעקט זיי מער ווי פייל און בויגן.
אַמאָל וועט זיי שוין שרעקן דער געוויסן.

*) מאיר זימל טקאטש — דיכטער און פאַבל־שרייבער. געבוירן דעצעמבער 1894 אין דאָרף פריבאָרסק, קיעווער גובערניע, רוסלאַנד. אין יאָר 1913 אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, אין ניו־יאָרק, וואו ער וואוינט עד־היום. אַרויסגעגעבן 7 ביכער לידער און פאַבלען. דאָס אַכטע בוך וועט אינגיכן דערשיינען. דער דיכטער איז אַ וועטעראַן באַטייליקטער בערך 40 יאָר און איז אַ מיטגליד פונם „אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון נ. י.“

דער צייכן

איך בין דער צייכן פֿון גאָטס גוטן ווילן,
מיין פֿרידלעך האַרץ איז פֿון זיין גנאָד אַ שטריך,
כאָטש ניט אַליין אין יאָמערטאָל האָב איך
פֿאַרנומען מיין באַשעפֿערס קול דעם שטילן
(פֿאַר בלוט פֿאַרגאָסענעם אַן אימה פֿילן
אפֿילו שטומע חושימדיקע פֿיך),
נאָר איך מיט זיבן־מיילנדיקע שיך
שפּרייז קעגן גאָט זיין ענדציל צו דערפֿילן.

איך גלויב אין גנאָד פֿון גאָט, ווייל כ׳גלויב אין זיך, —
איך בין געקומען פֿון אַ מאַלפֿעס דיך
און דורכגעציקלט ביז אַ גאָט אַ האַלבן
(כבין שיער פֿון גאָט ניט מינער). הימלען, הערט:
דאָס מלכות־השמים אויף דער ערד
וועל איך נאָך ברענגען און מיין בורא זאַלבן.

גאָט אַנטקעגן

איך וועל מיין בורא זאַלבן אויף דער דזשאָנגל־ערד,
דאָס מלכות־השמים וועט שוין דאָ זיין דעמלט —
גאָטס וויסן וועט געראָטן פּרוכפּערדיק־צעשוועמלט
נאָך אַלע רעגנס בלוט דורך נעגל, ציין און שווערד.
דערנערט מיט גראָז, דער טיגער, ווי דאָס זעברא־פֿערד,
ניט שוועבלען וועט קיין אויג, פֿון נאַכטרויב אויפֿגעפֿלעמלט.
דער לייב אין פֿריד, ניט נאָר ווען ער איז זאַט און דרעמלט,
וועט לאָזן קינדער צופּן זיינע באַקנבערד.

איך וועל אַ וועג אין מדבר פֿאַר מיין בורא ראַמען
און וועל אים גיין אַנטקעגן, ווען ער וועט זיך זאַמען —
מתקן זיין די פּגם׳ען אין דער קרעאַטור.
איך פֿלי שוין גאָט אַנטקעגן מיט אַטאָמען־כּוח,
און וואונדער וועט מיין האַרץ נאָך אויפֿטאָן ווי דער מוח —
כ׳וועל אָנשטעקן מיט גוטס דאָס שלעכטס אין דער נאַטור.

תפילות פון קליינע ברואימס וועגן

א.

פון אַ פישלס וועגן

העלף די הילפלאָזע, וואָס גלויבן ;
בורא, זיי נישט קיין אַנטוישער.
ביסטו פון דיין קנעכט דער ערגער ? —
איך בין זייער מליץ־יושר.

ס׳פאַרכט אַ פישעלע אין וואַסער,
בענטשט דעם שאָטן פון הושענא.
היט זיין נפש, גאָט פון רחמים,
ווי עס היט די מצוות דיינע.

ס׳דאַוונט שטום, די ליפּן שאָקלט
און די פרומע אויגן גלאָצן.
ביסטו, גאָט, קול־דממה־דקה,
טוט דאָס פישעלע דיין רצון.

ביסטו שטורעם, שוימט עס בלעזלעך
אין זיין אַנגסט ממעמקים.
היט עס, גאָט, פון העכט און מעווע
און פון מענטשנס נעץ און האקן.

ב.

פון אַ לעמלס וועגן

גאָט, דאָס לעמל איז דיין חסיד.
זע, ס׳איז פאה׳לעך אינגאַנצן.
אין זיין חסידישער התלהבות
אויף דער לאָנקע זע עס טאַנצן.

ניט מיט עצבות, נאָר מיט שמחה
דינען דיך די אמת־פרומע.
ס׳קאָן דאָס לעמעלע בלויז מעקען,
אָבער דו פאַרשטייסט די שטומע.

ניט קיין למדן, אָבער ערלעך —
ס׳וויים בחוש, אַז בלוט איז טרפות,
עסט עס גראָז, פאַרטרינקט מיט וואַסער;
זיך געזעטיקט און וואָס דאַרף עס?

— בלויז די פולע פרייד פון דבקות,
ניט די אַנגסטן — די מחיצות.
היט עס, גאָט, פון חיה׳ס נעגל
און פון שוחט׳ס חלף שיץ עס.

ג.

פון אַ נאַכטיגאַלס וועגן

האָרך דיין נאַכטיגאַל, באַשעפער,
שירה זינגט ער צו דיין כבוד.
היט אים פון דער סאָוועס שנאָבל,
ווי פון שאול׳ס שפיז — דיין דוד.

צו דיין סדר, וואָס אין מילכוועג,
צו דיין פריד אין שטערן־נעפל
זינגט ער שירה, און די סאָווע
ברענט מיט אויגן — פעך און שוועבל,

און זיין לעבן מיט דיין אָטעם,
דיין מתנה וויל זי רויבן,
און דיין קול פון דממה־דקה
הפקר מיט איר גרילץ פאַרטויבן.

שלאָף ניט, גאָט, ווי איך שלאָף אויך ניט
מיטן אומרעכט אין געוויסן,
גלייך איך וואָלט אַליין געווען
איינער פון די נאַכט־משחיתים.

סיידי וו. סטייוו

דער פרייז פון אַ פעלכל

די פרוי שטעלט מיט זיך פאַר די מוטער אין דער נאַטור. אידעאַלע מוטערשאַפט פאַרקערפערט אין זיך יענע וואונדער־שיינע מעלות פון גוטסקייט, איינזעעניש, ליבע און מיטגעפיל. ציוויליזאַציע ווערט געמאָסטן לויט דער מאָס פון אַט־די מעלות. אַט־די אייגענשאַפטן זיינען ניט נאָר בלויז ווייבלעך, זיי דאַרפן זיין אַל־מענטשלעך, זיי דאַרפן זיין די אייגענ־שאַפטן פון אַלע ציוויליזירטע מענטשן.

היינט־צו־טאָג זעען מיר פאַר אונדזערע אויגן אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב דעם קאַמף צווישן צוויי אידעאָלאָגיעס, איינע פון דעם פרימיטיוון, צוריקגעשטאַנענעם טיפּ, און די צווייטע וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די מאָראַלישע לערע פון משהן און די נביאים און דאָס סאַמע בעסטע אין דער ציוויליזאַציע ביים אָנהויב פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

יושר און מיטגעפיל איז דער סאַמע נאָבעלסטער יסוד פון ציווילי־זאַציע. אַ ציוויליזאַציע וואָס אָנערקענט בלויז פיזישע מאַכט, מוז סוף־כל־סוף זיך זעלבסט פאַרניכטן. די ציוויליזאַציע וואָס איגנאָרירט די באַדערפענישן פון דעם קינד, פון דעם שוואַכן, פון דעם קראַנקן, פון דעם הילפלאָזן, פון דעם היימלאָזן און פון דעם זקן — אַזאַ ציוויליזאַציע איז טעמפּ, ווילד און נישט מענטשלעך.

ניטשע זאָגט: „דער שוואַכער מוז זיך שטעלן צו דער וואַנט און מיר דאַרפן אים נאָך אַרויסהעלפן אַהין צו גיין“.

דאָס זיינען ווערטער פון אַ באַרבאַר, ניט פון אַ מענטשן פון ריינער קולטור. דער וויסנשאַפטלער שענקט אַ סך אויפמערקזאַמקייט צו דער אַזוי־גערופענער ברוטאַליטעט אין דער נאַטור, וואו איינער לעבט אויפן חשבון פון אַ צווייטן. ער פאַרגעסט דערביי צו באַטאָנען די קעגנזייטיקע הילף וואָס מען מערקט אומעטום אין דער נאַטור. די בין נעמט טאַקע אַ ביסל האָניק, אָבער גלייכצייטיק העלפט זי באַפרוכפערן די בלומען. די ערד ווערט באַפרוכפערט און גרייט צום פלאַנצן דורך דער טעטיקייט פון דעם ערד־וואָרעם.ביימער זיינען פון דער גרעסטער וויכטיקייט אויב מיר ווילן ניט, אַז אונדזערע פעלדער זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין וויסטענישן.

אַלץ אין דער נאַטור הענגט אָפּ אָן דער קאָאָפּעראַציע פון אירע קעניגרייכן און די באַשעפענישן אין די קעניגרייכן. דער מענטש אין

דער נאַטור איז טיילווייז אַ טייוול און טיילווייז אַ מלאך. עס איז אונדזער פליכט אָפּצושוואַכן דאָס ווילדע, דאָס פּרימיטיווע און שטאַרקן אונדזערע שטרעבונגען פאַר אַ נאָבעלערן און שענערן לעבן.

דאָס געזעץ פון „דזשאָנגעל" דאַרף גראָד ניט זיין דאָס געזעץ פון דער מענטשהייט. פילע חיות און פייגל ווייזן אַרויס וואונדערלעכע שטריכן פון צאַרטקייט, לאָיאַליטעט, געטריישאַפט און מוט. ווער פון אונדז האָט ניט געהערט זעלטענע מעלות וועגן הינט, קעץ, פערד, עלפאַנטן און טויבן.

מיר אַלס מענטשן שטרעבן צום סאַמע העכסטן אידעאַליזם צו וועלכן מיר קאָנען זיך נאָר דערהויבן. מיר אַלע טרוימען פון אַ שיינער וועלט, פון אַ וועלט פון פרידן, פון האַרמאָניע, פון גליק. וואָס קען דען זיין נאָבעלער און שענער ווי צו העלפן זיך צוגרייטן צו אַזאַ וועלט? וואָס קאָן זיין שענער ווי צו שאַפן די נויטיקע אומגעבונג און אומשטענדן פאַר אַזאַ וועלט?

אָט די וואונדער־שיינע וועלט וואָס דאַרף קודם־כל געבוירן ווערן אין אונדזערע הערצער, מוז פריער פאַר אַלץ זיין פריי פון יעדער פאָרם פון עקספּלואַטאַציע, פון ברוטאַליטעט, פון פאַרניכטונג. אָט די וועלט קאָן איצט נישט עקזיסטירן, ווייל בלויז פרייע מענשן קאָנען שאַפן אַ פרייע וועלט, נאָר הומאַניטאַרע מענטשן קאָנען שאַפן אַ וועלט פון מיטגעפיל און פאַרשטענדעניש.

אָט די וואונדערלעכע נייע וועלט מוז זיך אָנהויבן גלייך היינט מיט אייך און מיט אונדז. מיר מוזן זיך אָנשטרענגען און מאַכן יעדן פאַרזוך צו לעבן אַ לעבן פון יושר און מיטגעפיל. אָט־די שיינע מידה פון מיט־געפיל קאָן קומען צום אויסדרוק אויף יעדן טריט און שריט, אויף פאַרשיידענע אופנים.

דער היינטיקער יאָרהונדערט גיט זיך מערסטנס אָפּ מיט דער אַנט־וויקלונג פון מאַרך. די אויסערגעוויינטלעכע דערפינדונגען זאָגן עדות אויף דער גלענצנדיקער גייסטיקער אַנטוויקלונג פון אונדזער צייט. אָבער, צוויי וועלט מלחמות אין משך פון איין דור באַווייזט, אַז אָט די וואונדער־באַרע אַנטוויקלונג פון געדאַנק גייט ניט שטענדיק האַנט־אין־האַנט און איז נישט אין האַרמאָניע מיטן מענטשלעכן האַרץ. דאָ זעט מען, אַז דער קאָפּ און דאָס האַרץ האָבן נישט האַרמאָנירט. דער מענטשלעכער מח האָט געמאַכט גרויסן פאָרטשריט. אין דער זעלבער צייט זיינען אָבער די שענסטע שטריכן פון מענטשלעכן האַרץ גענצלעך אונטערדריקט געוואָרן. די דערפינדונגען וואָס באַצוועקן צו ברענגען באַקוועמלעכקייט און גליק דער מענטשהייט זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אינסטרומענטן פון העסלעכער פאַרניכטונג. מיר האָבן פאַרוואַנדלט דאָס לעבן אין אַ

בייזן חלום; מיר האָבן קיינעם ניט אויסגעמידן — נישט די יונגע, נישט די אַלטע, נישט דעם מענטש און נישט די חיה, — קיינער אזוי נישט געשאַנעוועט געוואָרן; דאָס אומשולדיקע הייליקע לעבן פון אַן עופה׳לע אין וויג, די קראַנקע, די פאַרקריפּלטע, די בלינדע אין די שפּיטאָלן — אַלע ווערן געשאָכטן, געמאָרדעט. אויך די חיות, די פויגל — אַלץ, אַלץ ווערט פאַרניכטעט.

לאָמיר אין דער איצטיקער טרויעריקער מלחמה־צייט אָנהויבן בויען אַ בעסערע וועלט. זאָלן אונדזערע הערצער זיין גרויס גענוג אַרומצונעמען אַלע וואָס ליידן. לאָמיר זיין באַרמהערציק צו די אַלמנות, צו די יתומים, צו די וואַנדערנדיקע, צו די שוואַכע, צו די קראַנקע און היימלאָזע, צו די אומגליקלעכע. לאָמיר אויך געדענקען אונדזערע יונגערע ברידער אין עוואָלוציע, די חיות, פייגל און פיש וואָס זיינען צוזאַמען מיט אונדז אויף דעם פּלאַנעט און וואָס גיבן אים צו אַזוי פיל שיינקייט, אייגנאַרטיקייט און אינטערעס.

וואָס די באַגרעניצונגען פון דער חיה זאָלן ניט זיין, ווייסן מיר אָבער, אַז זיי ליידן ווייטיק, זיי ליידן יסורים. וואָלט איר סתם געפּייניקט אַן אומשולדיק באַשעפעניש?

טורגעניעוו באַשרייבט מיט וואָס פאַר אַן אומדערמידלעכע אָנ־שטרענגונגען אַ פאַרוואונדעטער פויגל האָט געזוכט צו דערגרייכן זיין נעסט וואו די יונגינקע, הילפלאָזע פייגעלעך האָבן אויף אים געוואַרט.

דערלאָזט ניט אַז פאַרשימעלטע געוואוינהייטן זאָלן פאַרטעמפּן אייערע חושים און אייך מאַכן גלייכגילטיק צו פּיין און ליידן, צו יסורים און ווייטיק וואָס קאָנען אַזוי לייכט אויסגעמידן ווערן. קוקט ניט אויף דעם טעלער פלייש וואָס איר עסט ווי בלויז אויף אַ מאכל. קלערט פון דער חיה פון וועלכער עס קומט; קלערט פון די וואַגאָנען און שיפן געפּאַקט מיט חיות פאַר די שלאַכטהייזער; טראַכט זיך אַריין אין דעם שוידער פון די שלאַכטהייזער. דאָס פלייש וואָס איר עסט איז דורכגע־דרונגען מיט סם אַלס רעזולטאַט פון דעם געפיל פון פּאַניק און מורא וואָס די חיה גייט דורך ביז זי ווערט געקוילעט. די צאָל חיות וואָס ווערן טעגלעך געשאָכטן אויף דער גאַנצער וועלט איז מוראדיק גרויס, ממש אומגלויבלעך. אַזוי בלוט־דורשטיק איז דער מענטש געוואָרן. זיין שפּייז איז די שפּייז פון אַ טיגער און זיין נאַטור איז דעריבער מער ענלעך צום טיגער ווי צום מענטשן.

ווען אַ מענטש וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל פון אַ גאַס און אַלע חיות און פייגל וואָס ווערן געקוילעט בלויז אין איין שלאַכטהויז וואָלטן אים פאַרבייגעגאַנגען, וואָלט עס פאַרנומען פולע צוויי טעג פאַר אָט דער מחנה אים פאַרבייצוגיין.

ווי שיין עס איז אַ פּרוכט־בוים, אָדער אַ טרויבן־שטאַנג, אָדער אַ גאָרטן פון גרינסן? פּאָעטן, אַרטיסטן און מוזיקער זיינען באַגייסטערט געוואָרן פון נאַטורס לעבעדיקע פאָרמען. וואָס פאַר אַ שיינקייט אָדער אינספּיראַציע איז דאָ אין דער טויטער און פוילנדיקער פאָרם פון אַן אומשולדיק לעמעלע אָדער אַ פויגל? אויב מיר גלוסטן צו עסן פלייש טראָץ דעם קוואַל פון וואַנען עס קומט און טראָץ די גיפטן מיט וועלכע דאָס פלייש איז דורכגעדרונגען — דאַן זיינען מיר ניט בעסער פון די קאַניבאַלן פון דעם באַרבאַרישן טייל אַפריקע.

עס איז פאַראַן נאָך ווייניקער באַרעכטיקונג פאַר טראָגן פוטערס. הונדערטער טויזנטער אומגליקלעכע חיות ווערן געהרגעט יעדן יאָר צו באַפרידיקן דער פרויס באַגער אויסצוזען שיין. עס איז אייער פליכט צו וויסן ווי אַזוי מען קריגט די דאָזיקע פוטערס, פּונקט ווי עס איז אייער פליכט צו לייענען צייטונגען און וויסן וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. מיר טאָרן ניט באַרעכטיקן די אַלע ברוטאַליטעטן מיט וועלכע אונדזער ציוויליזאַציע איז דורכגעדרונגען. אויב מיר ווילן בויען אַ בעסערע וועלט, דאַן מוזן מיר קוקן דעם אמת אין פּנים אַריין און זיין קעגן יעדער פאָרם פון עקספּלואַטאַציע. די עקספּלואַטאַציע און די שחיטות פון דער חיה־וועלט זיינען פּונקט אַזוי אומגערעכט און נאָך געמיינער און שענדלעכער ווי די עקספּלואַטאַציע פון וועלכן ס׳איז שיכט פון דער מענטשהייט.

איז עס מעגלעך, אַז גאָט האָט באַשאַפן אַזאַ פאַרשיידנאַרטיקייט אין דער וועלט פון חיות מיטן צוועק מען זאָל זיי אויסהרגענען פאַר שפּייז, אָדער אַז מען זאָל ביי זיי אַרונטעררייסן זייערע פעדערן און אַרונטערשינדן זייער פעל?

די תורה לערנט אונדז, אַז גאָט האָט געגעבן דעם מענטשן די אויפ־זיכט איבער דער וועלט און איבער אַלץ וואָס אין איר. מיינט אויפזיכט זיך באַנוצן מיט מברוטאַליטעט אין יעדער פאָרם?

אָ, מענטש, טראַכט און דענק נאָך וואָס עס מיינט צו טויטן אומשולדיקע חיות בלויז זיך צו אַמוזירן און אַלס צייט־פאַרטרייב. אָך, ווי נישט מאָראַליש־דערוואַקסן דער מאָדערנער מענטש איז, אַז אין אָט־די ווערטער פון דער תורה זעט ער דאָס רעכט צו עקספּלואַטירן, דאָס רעכט צו באַרויבן, דאָס רעכט צו מאַטערן, צו פּייניקן און צו הרגענען. אַ פיל העכערע מדרגה וואָלט געווען דאָס אויסצוטייטשן, אַז גאָט האָט אָנפאַרטרויט די ערד צום מענטשן, אַז ער זאָל זי אויסבעסערן. עס איז דעם מענטשנס פליכט און פּריווילעגיע צו העלפן די חיות אין זייער פּראָגרעס פון עוואָלוציע. אויף אַזאַ אופן וואָלטן מיר קאָאָפּערירט מיטן פּלאַן פון דער נאַטור וואָס נעמט אַרום אַלע באַשעפענישן פון דער נאַטור.

אַלע מעטאַדן אַרויסצוקריגן די פעלן און פעלצן זיינען גרויזאַם, אַן אונטערשייד צי די חיות זיינען געהאָדעוועט געוואָרן אויף אַ ספּע־ציעלער פוטער־פאַרם אָדער מען כאַפּט זיי אין די פּאַסטקעס אין וואַלד. אַ שול־ייִנגל האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז ער האָט פאַרדינט 75 דאָלער אין משך פון איין זומער כאַפּענדיק טכוירן. ער האָט צו־געגעבן, אַז כאַפּן די חיות איז געווען גרויזאַם. פון ים־לייבן (סילס) ווערט אָפּט אַראָפּגעשונדן די הויט לעבעדיקערהייט, כדי דער פוטער זאָל האָבן אַ שענערן גלאַנץ; די „מינק" פּאַסטקעס זיינען אָפּט פול מיט טיילן פון דעם מינקס קערפּער, וועלכן ער האָט איבערגעלאָזן אין זיין שווערן קאַמף זיך צו באַפרייען פון דער פּאַסטקע. די קאַסטבאַרע „פוירזשען לעם" קומט פון די נאָך־ניט־געבוירענע לעמעלעך. די מוטער־שאָף ווערט געשלאָגן מיט אייזערנע דראָטן כדי דאָס לעמעלע זאָל גע־בוירן ווערן פאַר דער נאַטירלעכער צייט. אָט אויף דעם שוידערלעכן אופן ווערט אַרויסגעבראַכט די ווייכסטע און פיינסטע וואָל.

קאָן אַזאַ יסורים־דורכגעדרונגענער און בלוט־באַפלעקטער מאַ־טעריאַל פאַרשאַפן ריינעם געגוס? פוטער איז ניט דער איינציקער קוואַל פון וואַרעמקייט. מען קאָן איצט קריגן די שענסטע געוואַנט וואָס קומט ניט פון קיין חיות. מען האָט איצט אויסגעפונען אַ מאַטעריאַל וואָס זעט אויס אַקוראַט ווי פוטער און איז נאָך מער דויערהאַפטיק. מען האָט מיר געוויזן אַ קאָלעקציע פון אָט די מלבושים, יעדע איינע פון וועלכע איז צען יאָר אַלט. אַלע זיינען געווען אין אַ גלענצנדיקן צושטאַנד אָן דעם מינדסטן שפור פון אָפּגעטראָגנקייט. אָט דער מאַטעריאַל איז ממש אומפאַרניכטבאַר. מען דאַרף עס ניט האַלטן אין איין פאַרריכטן און איבערמאַכן, ווי דאָס איז נויטיק אין פאַלן פון אמתן פוטער און זיי קאָסטן בלויז אַ טייל פון דעם וואָס עס קאָסט אמתער פוטער. איין פוטער־מאַנטל אַנטהאַלט די פעלן פון 50 חיות.

ווען איר טראָגט אַ מאַנטל פון נאָכגעמאַכטן „סיל" אָדער „פויר־זשען לעם" אָדער „מינק" האָט איר דעם אָנגענעמען געפיל, אַז דער מאַנטל איז שיין און וואַרעם און גלייכצייטיק דעם באַוואוסטזיין, אַז מען האָט קיינעמס לעבן נישט צוגענומען צוליב דעם.

עס פאָדערט זיך נישט קיין צופיל אַריינטראַכטן כדי צו לעבן דעם אויסגעהאַלטענעם, הומאַניטאַרן לעבן. עס איז ניט נויטיק, אַז אַ פויגל זאָל דערמאָרדעט ווערן כדי צו באַצירן אייער הוט מיט אַ שטייפן פעדער. לעצטן יאָר האָט דער פּרעזידענט פון דער „אָדובאָן סאָסייעטי" געפונען די פעדערן פון 40 מינים פון אונדזערע נאַציאָנאַלע פייגל אין די פרויען־היט שעפער פון פּילאַדעלפיע און ניו־יאָרק. מאַנכע

פון די זעלטענע מינים זיינען אין געפאַר פון בוכשטעבלעכן אונטערגאַנג. באַפּוצט אייערע היט מיט בלומען אָדער מיט סטענגעס; פּאָרטפעלן, האַנט־בייטלען און פּאַסן ווי אויך שיך קאָן מען איצט באַקומען פון ספּעציעלע, שיין־אויסזעענדיקע מאַטעריאַלן נישט באַנוצנדיק זיך מיט לעדער. די מלחמה צווינגט פאַבריקאַנטן צו געפינען די ערזאַץ־מאַ־טעריאַלן פאַר וואָל און לעדער. עס איז שווער זיך אַנטקעגנצושטעלן די גרויסע מאַגנאַטן וואָס האָבן אַריינגעלייגט מיליאָנען אין פאַרשיידענע אינדוסטריען, אָבער אַן אופגעקלערטע עפנטלעכע מיינונג וואָלט ממילא אַרויסגעשטויסן די אינדוסטריעס און זיי פאַרביטן מיט די ערזאַץ־אינדוסטריעס פונקט אַזוי ווי דער אויטאָמאָביל האָט אַרויסגעשטויסן דעם פערד און וואָגן פון מאַרק.

אויב דער אויבנדערמאָנטער אַפּיל פאַר אַ מער מענטשלעך לעבן האָט אייך גערירט, ענדערט אייער לעבנס־שטייגער שוין היינט! ווערט אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַרום אייך פאַר דעם שענערן מאָרגן וואָס וועט אין גיכן קומען! ווען איר האָט נאָר אַ מעגלעכקייט צו באַאיינפלוסן אַנדערע, ניצט אויס אָט די מעגלעכקייט. וואָס אייערע פליכטן זאָלן ניט זיין, קאָנט איר שטענדיק לעבן אַ לעבן פון גוטסקייט, ניצלעכקייט און איידעלקייט. די מיטפילנדיקע פרוי איז באמת די שיינע און ווייבלעכע פרוי. זאָלן אָט די נשמהדיקע אייגנשאַפטן פון מיטגעפיל און באַרמ־הערציקייט אין וועלכע מען בייטיקט זיך אַזוי שטאַרק אין אַ וועלט, וואָס איז אין מלחמה, קריגן אויסדרוק אין זייער שטראַלנדיקער שיינקייט שוין היינט!

אידיש: אידא ליבערמאַן

בעסער אַ מאָלצייט פון גרינס וואו ליבשאַפט איז דאָ, איידער אַ געשטאָפּטער אָקס מיט שנאה.

(משלי, ט״ו)

ק. מאַלאָדאָווסקי

ביינאַכטיקע געסט

ביינאַכט איז געקומען אַ פויגל צו מיר.
און געקלאַפּט מיט די פליגל,
אין מיין פענצטער און טיר.
— קום אַריין, פויגל-פידל גוטער קלעזמער פון מיין יוגנט-ליד,
איך האָב ברויט נאָך און וואַסער פאַר דיר אָפּגעהיט,
קום אַריין, זיי מיין גאַסט, זיי געערט.
ס'איז אונדז ביידן דאָס לעבן און דאָס שטאַרבן באַשערט.

און קאַץ איז געקומען פאַרבלאָנדזשעט פון נאַכט,
געדראַפּעט מיט נעגל,
געדראַפּעט, געשאַרט.
— קום אַריין, קיצל-קעצל, פון מיין קינדהייט
סטראַשנער ווילדטיר,

איך האָב ניט איינמאָל דעם בעזים פאַרזוכט צוליב דיר.
קום אַריין, זיי מיין גאַסט, זיי געערט,
ס'איז אונדז ביידן צו בלאָנקען, נע־ונד זיין באַשערט.

און אַ ציג איז געקומען, דאָס בערדל פאַרשפּיצט,
געקלאַפּט מיט די קלאָען,
מיט די הערנער געקריצט.
— קום אַריין, ציגל-מיגל, קורצע בערדל, מילך אין קריגל.
דיין ליד נאָך-ביז-היינט מאַכט מיין בעט פאַר אַ וויגל.
קום אַריין, זיי מיין גאַסט, זיי געערט,
ס'איז אונדז ביידן אַ מלמדישע דאָליע באַשערט.

ביינאַכט, אַ מענטש איז געקומען, זיך געשטעלט ביי מיין טיר,
און אַן אַנגסטיקע שרעק
איז געפאַלן אויף מיר.

— ווער ביסטו? צי דו טראָגסט ניט אַ מעסער אין האַנט?
צי דו טליעסט פאַרראַט? צי דו טליעסט אַ בראַנד?
און די טיר כ׳האָב פאַרשלאָסן, פאַרהאַקט און פאַרקלעמט,
און געפאַלן, דאָס פּנים פאַרדעקט מיט די הענט.
איז די נאַכט געווען פינצטער, אַזוי פינצטער, אַזש בלינד.
און מיין דיל איז געווען אַזוי האַרט, ווי אַ שטיין,
און פון יענער זייט טיר איז געשטאַנען דער מענטש,
און פון יענער זייט טיר כ׳האָב דערהערט אַ געוויין.

מזמור לדוד, ה׳ מי יגור באהלך? מי ישכן בהר קדשך הלך תמים ופעל צדק ודבר אמת בלבבי, לא רגל על לשוני, לא עשה לרעהו רעה, והרפה לא נשא על קרבו, נבזה בעיניו נמאס ואת יראי ה׳ יכבד... (תהלים ט״ו.)

תרגום יהואש

אַ מזמור פון דודן.
גאָט, ווער קען וואוינען אין דיין געצעלט?
ווער קען רוען אויף דיין הייליקן באַרג?
דער וואָס גייט ערלעך און טוט גערעכטיקייט,
און רעדט אמת אין זיין האַרצן;
ניט געטראָגן קיין רכילות אויף זיין צונג,
ניט געטאָן זיין חבר קיין רעה, און ניט פאַרליטן
קיין שאַנד אויף זיין נאָענטן;
דער נבזה איז פאַראַכט אין זיינע אויגן,
און די פאָרכטיקע גיט ער כבוד...

דער רבי און דאָס קעלבל

(א ג ד ת א)

באַארבעט פון נ. ש. ד.

די אידישע תורה איז פול מיט חוקים, וועלכע רעגולירן דאָס מענטשלעכע צוזאַמענלעבן. דער ציל דערפון איז — אַ פרידלעך, האַר־מאָניש צוזאַמעלעבן, אַ דרך־ארץ צום מענטשן דורך דעם אָנערקענען די חשיבות פון איטלעכן מענטשן.

די חכמים האָבן אָבער ניט פאַרגעסן אויך די חיה, וועלכע האָט פיל געהאָלפן דעם מענטשן אין זיין קאַמף פאַר זיין עקזיסטענץ.

צער־בעלי־חיים איז זייער אַ פיינער שטריך ביי אידן, און זעט זיך אָן בולט אין תנ״ך, בפרט אין תהלים און אין דער גמרא, שפּעטער — אין די פאַרשיידענע אַנדערע שריפטן.

דער וועלט־באַנעם פון אונדזערע חכמים איז תמיד געווען אַ קאָס־מיש־אוניווערסאַלער, האָבן זיי לאָגישערווייז אַרויסגעוויזן אַ באַציאונג פון חשיבות אויך צו חיות. ווען גאָט האָט באַשאַפן די וועלט — לויטן חומש — האָט ער אויך געבענטשט די חיות. דער דאָזיקער גייסט האָט געשוועבט איבער די מדריכים אונדזערע, די חכמים, אין די פאַרגאַנגענע דורות.

אָט ברענגען מיר אַ ביישפּיל פון צער־בעלי־חיים וואָס ווערט דער־ציילט אין דער גמרא וועגן רבי יהודה הנשיא וואָס איז באַוואוסט אויך מיטן טיטל „רבי״ — דער צוזאַמענשטעלער פון דער משנה.

די אגדתא לייענט זיך אַזוי:

איינמאָל האָט געטראָפן, מען האָט געפירט אַ קעלבל צו דער שחיטה. רבי האָט זיך דאַן געפונען אין גאַס, רייסט זיך דאָס קעלבל אַרויס און לויפט אַ פאַרסאָפּעטער צו צו רבין, פאַרצווייפלט טוליעט עס דעם קאָפּ איין צו רבין און זוכט שוץ אונטער די פּאָלעס פון זיין מאַנטל, און הויבט זיך אָן בעטן, ווי אין אַ געוויין: — „ראַטעווע מיך, רבי, פונעם שוחטס חלף״.

— „קעלבעלע, גיי דיר צוריק; אויף דעם ביזטו געבוירן געוואָרן״ — רופט זיך אָן רבי.

— אוי, ער האָט גאָרנישט קיין רחמנות אויף לעבעדיקע באַשעפע־נישן — טאָ זאָל ער געפּרואווט ווערן, איז געווען דער פסק דין פון אויבן.

און רבי איז קראַנק געוואָרן אויף די ציין וואָס האָט אָנגעהאַלטן 13 יאָר.

איינמאָל מאַכט זיך, אַז די דינסט האָט בעת דעם אויפראַמען דאָס הויז געפונען אונטערן בעט נאָר וואָס געבוירענע מייזעלעך, האָט זי זיי געוואָלט אַרויסוואַרפן. האָט דאָס רבי דערזען,

— וואָס טוסטו ? — רופט זיך אָפּ רבי צו איר — ס׳איז גאָטס רחמנות אויף זיי, טו דאָס ניט.

די רחמנות־רייד האָבן דערגרייכט דעם הימל.

— אָ, ער האָט דאָך רחמנות אויף גאָטס באַשעפענישן, טאָ זאָל ער געזונט ווערן, און רבי איז געזונט געוואָרן.

„די וואָס האָבן ווי עס איז נאָכגעפאָלגט מיין באַשיידענע קאַריערע אָפילו ווען בלויז אויבנאויפיק, קענען נישט האָבן פאַרפעלט צו באַמערקן, אַז קיין איין האַנדלונג אין מיין לעבן איז נישט פאָרגעקומען צום שאָדן פון אַ וועלכן ס׳איז אינדיווידואום אָדער פאָלק.

מיין נאַציאָנאַליזם און מיין רעליגיע זיינען נישט קיין עקסקלוזיווע, און זיי מוזן אַזוי זיין אויסגעהאַלטן, אין הסכם מיט דעם וואוילזיין פון **אַלץ וואָס לעבט.**

איך פרעטענדיר נישט צו זיין פריי פון חסרונות איך בין זיך באַוואוסט צו האָבן טעותן, געוואַלדיק־גרויסע ווי די הימאַלאַיען, אָבער איך האָב נישט דעם באַוואוסטזיין, אַז איך זאָל זיי האָבן געמאַכט בכיוון, אָדער, אַז איך זאָל זיך ווען ס׳איז האָבן אַרומגעטראָגן מיט שנאה צו אַ פערזאָן אָדער נאַציע, אָדער צו וועלכער ס׳זאָל ניט זיין באַשעפעניש, צי פון מענטשלעכן מין אָדער פון **די נידעריקע מינים.**

מאַהאַטמא ק. גאַנדי

פרינציפּן־דערקלערונג פון דעם יידישן וועגעטאַרישן פאַריין פון ניו יאָרק

דעקלאַראַציע

עס האָט גענומען דעם אור־מענטשן אויף זיין לאַנגן, שווערן וועג פון אַנטוויקלונג טויזנטער יאָרן פון מי און מאַטערניש, פּיינפולע בלאָנ־דזשענישן און אומרואיקן זוכן ביז ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון דעם סאָציאַלן וועזן, וואָס ער איז איצט. מיט זיין פאַרצווייגטן גע־זעלשאַפטלעכן לעבן און אָרגאַניזירטע טעטיקייטן, וואָס זייער אייגנטלע־כער צוועק איז צו פאַרבעסערן, צו מאַכן זיכערער, שענער, יושרדיקער און פולער די עקזיסטענץ פון דעם מענטשן אויף דער וועלט.

אין דעם פּראָצעס אָבער פון דער אַלץ־שטייגנדיקער געזעלשאַפט־לעכקייט, ביי די אַלץ שטאַרקער־ווערנדיקע פּאָליטישע אינסטיטוציעס — גאַנץ באַזונדערס אין דער תקופה פון מאָדערנעם עקאָנאָמישן סדר־העולם — אין אָט דעם פּראָצעס האָט מיטן מענטשן געטראָפן אַ גרויס אומגליק: דער מענטש איז צו אָפט געוואָרן בלויז אַ שרייפל פון אַן אַפּאַראַט, אַן אינסטרומענט פון אַ מעכאַניזם, וואָס האָט געאַרבעט לויט אַ באַשטימטער רוטין, אָן גייסט, אָן נשמה, זיך פאַרלאָזנדיק אויף די קאָנווענציאָנעלע אָדער אָפיציעלע קהלישע איינריכטונגען, אַז זיי וועלן שוין אַלץ פאַרזאָרגן אויף דעם שענסטן און בעסטן אופן, האָט דער מענטש, אַלס יחיד, אַלס פּערזענלעכקייט, אויפגעהערט מענטש צו זיין; ער האָט אָפט מאָל פאַרלוירן זיין געוויסן, זיין פּערזענלעכע מאָראַלישע אחריות פאַר די אייגענע מעשים און מחשבות, פאַר זיינע יחיד׳ישע בענקשאַפטן נאָך שלמות, נאָך אמת, צדק, יושר, שיינקייט און דער־הויבונג; דער מענטש האָט אין דעם טומל און ווירוואַר פון דעם געזעל־שאַפטלעכן יאַריד פאַרנאַכלעסיקט דעם טייערסטן אוצר, וואָס ער פאַר־מאָגט אין זיין האַרצן: די פּאָטענצן און די פייאיקייטן פון זיין טיפערן עטישן „איך״.

אָט די פאַרקרימונג אָדער אָפּנויגונג אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מענטשנס כאַראַקטער האָט געבראַכט צו די אומנאַרמאַלע אומוויר־דיקע דערשיינונגען: שיין־קלינגענדיקע רייד, הויכע פראַזן וועגן מענטש־

לעכקייט, פרייהייט, רחמנות און קולטור באַגלייט פון מיאוסע מעשים פון אכזריות, פאַרקנעכטונג, געוואַלט און באַרבאַריזם; הויך־געפליגלטע מליצות וועגן סאָציאַליזם, רעכט און דעמאָקראַטיע, און אַ ווירקלעכקייט פון דיקטאַטור און אונטערדריקונג; דרשות וועגן שלום, און פּאַקטישע מלחמות; ווערטער וועגן דער הייליקייט פון לעבן, וועגן דעם כבוד און חשיבות פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט און אין דער ווירקלעכקייט — אויף שריט און טריט — דאָס שטעלן העכער אייגנטום איבער דעם מענטשן; מאָרד און שפיכת־דמים, טויט־שטראָף, שלאַכט־הייזער און קאַזאַרמעס; לערנען אונדזערע קינדער אין די שולן רחמנות צו האָבן אויף לעבעדיקע באַשעפענישן, און באַלד זיי לאָזן זען די יאַטקעס, וואו די מאַמעס און די לערערנס אַליין קויפן די בלוטיקע פליש און ביינער פון די דערמאָרדעטע חיות...

מיר, וועגעטאַריער, זיינען איבערצייגט, אַז אין דעם טומלדיקן יאַריד פון כלערליי באַוועגונגען און פּאַרטייען און קאַמפן מוז און דאַרף זיך לאָזן הערן שטאַרקער און דרייסטער די שטים פון דעם עטישן מענטשן, וואָס קעמפנדיק פאַר אַ בעסערער, פרייער און גערעכטער, צוקונפטיקער געזעלשאַפט, פאַר אַ שענערער וועלט — רופט ער די מענטשן און פאָדערט זיי אויף שוין איצט צו לעבן און אויסלעבן זיך אין הסכם און אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען און געבאָטן פון דעם יושר, גערעכטיקייט און הומאַנישקייט.

עס מוז זיך לאָזן הערן און פילן דער אידעלער, טיף־מענטשלעכער אַקאָרד פון דעם וועגעטאַריער, ד״ה פון דעם מענטשן, וואָס האָט דורכגעפירט אַ רעוואָלוציע אין זיין אייגענעם לעבן, וואָס לאָזט אויפפלאַקערן אין זיך יענעם וואונדערבאַרן חשק צום גוטן, וואָס איטלעכע מענטש־נשמה פאַרמאָגט; וואָס אין זיין מאָראַלישן לעבן שטעלט ער זיך נישט אָפּ אויפן האַלבן וועג און וואָס ווענדט אָן די געבאָטן פון ליבע, רחמנות און מיטלייד נישט נאָר אויף מענטשן נייערט אויך אויף אַלע אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן, אויף אַלץ, וואָס לעבט און ליידט, און וואָס דערפאַר איז ער גרייט מקריב צו זיין זיינע אַלע באַקוועמלעכקייטן אין נאָמען פון דעם העכן פּרינציפּ די הייליקייט פון לעבן — און זאָגט זיך אָפּ פון באַנוצן זיך מיט די קערפּערס פון דערהרגעטע באַשעפענישן פאַר וועלכע ניט איז עגאָאיסטישע צוועקן, און, וואָס פאַרוואַרפט דעם יעזואיטישן כלל, לויט וועלכן דער ציל הייליקט אַלע מיטלען...

מיר אידישע וועגעטאַריער, קינדער פון אַ פאָלק, וואָס איז תמיד דער ערשטער קרבן פון מענטשלעכע רשעות, פון אכזריות און געוואַלט־הערשאַפט, רופן ווידער אַמאָל צו דער באַנייאונג און אויפלעבונג פון

יענעם מעכטיקן עטישן פּאַטאָס פון אונדזערע גרויסע סאָציאַלע נביאים און אַלע אַדערע לערער פון מענטשלעכקייט פון אַלע דורות און פעלקער.

מיר זיינען טיף איבערצייגט, אַז בלויז לעבן און קעמפן אין גייסט פון אָט־די הויכע אידעאַלן קאָן אָנפילן מיט טיפן אינהאַלט און גליק־זעליקייט אונדזערע הערצער, געבן אונדז כח און מוט אויסצוהאַלטן דעם שווערן דרוק פון דעם איצטיקן געשיכטלעכן פעריאָד אין דעם לעבן פון דער מענטשהייט און פון אונדזער ליידנדיקן פאָלק.

מיר רופן צו אַלע, וואָס אָנערקענען דעם אמת פון אונדזערע אידייען, און, וואָס זוכן זיך אויסצולעבן אין דעם גייסט פון אונדזערע אידעאַלן: — שליסט זיך אָן אין אונדזערע רייען, און מיט ליבשאַפט און מסירות־נפש, מיט טיפער אמונה אין דעם סוף־כל־סופיקן נצחון פון דעם עטישן אידעאַל, וועלן מיר צוזאַמען קעמפן פאַר אַ גערעכטער, באַפרייטער, גליקלעכער מענטשהייט און פאַר דעם נייעם מענטשן, וואָס וועט זיין געהייליקט דורך זיין שיינעם מאָראַליש און עסטעטיש דער־הויבענעם לעבן.

(געשריבן אין 1940 און אָנגענומען ביי אַ פאַרזאַמלונג
פון דעם „אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון נ.י.״
פאַרפאַסט פון מנחם מאָרגענשטערן ע״ה)

אונדזערע פּרינציפּן

1) וועגעטאַריזם מיינט: אַן עטיש־הומאַניטאַרישע באַציאונג צו אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן, אַ פאַרהייליקונג פון לעבן.

2) דער מענטש און די סוב־מענטשלעכע באַשעפעניש זיינען ניט און זאָלן ניט באַטראַכט ווערן ווי אַ מיטל צו עפּעס. זיי זיינען אַ זעלבסטצוועק, און זיי טראָגן זייער רעכט אויף לעבן און גליק אין זיך גופא.

3) אונדזער אידעאַל איז: צו דערפירן די מענטשלעכע פערזענ־לעכקייט צו אַ צושטאַנד, וואו זי וועט וועלן און קאָנען לעבן אַ לעבן אָן געוואַלט און אונטערדריקונג, אָן בלוט־פאַרגיסונג און אָן עקספּלואַטאַציע; נאָר מיט רחמנות, ליבע און גערעכטיקייט צו אַלע מיטבאַשעפענישן, און אין האַרמאָנישער גאַנצקייט מיט זיך אַליין און מיט דער נאַטור.

4) מיר זייען טיף איבערצייגט, אַז הויכע, הייליקע צילן קאָנען דערגרייכט ווערן בלויז דורך ריינע, ערלעכע מיטלען וואָס דאַרפן זיין אין גייסט פון הומאַנישע אידעאַלן.

5) מיר זיינען איבערציגט, אַז אַ וועגעטאַרישע מענטשהייט, וועגע־טאַרישע פעלקער וואָלטן זיך שנעל באַפרייט פון די קללות פון וועלכע

מירליידן: מלחמה, מאַסן־מאָרד, עקספּלואַטאַציע, דיקטאַטור (אין אַלע אירע פאָרמען).

6) מיר אָנערקענען דאָס רעכט פון יעדן אויפריכטיקן, געוויסנ־האַפטיקן מלחמה־קעגנער זיך נישט צו באַטייליקן אין מלחמות.

7) מיר זיינען קעגנער פון טויט־שטראָף און פאַר הומאַניטאַרער און וויסנשאַפטלעכער באַציאונג צו פאַרברעכער.

8) מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון דער פלייש־דיעטע, ווייל זי איז אומעטיש, אומעסטעטיש אומנאַטירלעך און ניט וויסנשאַפטלעך.

9) מיר פאַרדאַמען יאַגד און פיש־פאַנג און מיר זאָגן זיך אָפּ דערפאַר פון טראָגן פוטער־מלבושים און פויגל־פעדערן, און זוכן צו פאַרמיידן דאָס באַנוצן זיך מיט וועלכע עס איז אַנדערע פּראָדוקטן, וואָס שטאַמען פון דערמאָרדעטע ברואים.

10) מיר זיינען אויך קעגן אַלע אַנדערע מינים ברוטאַלע ספּאָרט־שפּילן, צירקן און דאָס גלייכן. מיר זיינען אויך פאַר דער אויסמיידונג פון וויוויסעקציע און זאָאָלאָגישע גערטנער.

11) מיר זיינען תמיד אויף דער זייט פון אַלע אונטערדריקטע קלאַסן און פעלקער.

12) אַלס אידישע וועגעטאַריער איז אונדז באַזונדערס נאָענט דער גורל פון דעם אידישן פאָלק און זיין באַפרייאונג פון אונטערדריקונג, רדיפות און שקלאַפעריי.

„דער מענטש איז פון דער נאַטור ניט געבוירן געוואָרן צו זיין אַ פלייש עסנדיקע חיה. אויך איז ער ניט באַוואָפנט קערפּערלעך פאַר רויב און גזלה״

RAY

דערהויב דיך, שטייג העכער, באַפריי דיך פון חיהישקייט
און לאָז דעם וואָלף און טיגער שטאַרבן. **טעניסאָן**

דער וועגעטאַרישער הימן

ווערטער פון י. פיראזשניקאָף

כאָר:

גענבענטשט זאָל דער זיין,
געבענטשט זאָל דער זיין,
וואָס קוקט מיט רחמנות אין לעבן אַריין
געבענטשט זאָל דער זיין,
געבענטשט זאָל דער זיין,
וואָס פילט פרעמדעליידן, וואָס פילט פרעמדע פיין!

סאָלאָ:

געבענטשט זאָל זיין דער,
ווער עס האָט אין זיך מוט,
נישט עסן קיין פלייש, נישט פאַרגיסן קיין בלוט!
געבענטשט זאָל זיין דער,
וועמענס מענטשלעכע האַרץ
היט אָפּ יעדע בריאה פון ווייטיק און שמאַרץ!

געבענטשט זאָל זיין דער,
ווער עס דענקט, ווער עס שטרעבט,
ווער ס'זוכט אין אַלץ גייסט
און ריין מענטשלעך בלויז לעבט.

געבענטשט זאָל זיין דער,
ווער עס דענקט, ווער עס שטרעבט,
ווער ס'זוכט אין אַלץ גייסט
און ריין מענטשלעך בלויז לעבט.

ביבליאָגראַפיע

אידישע ביכער, זשורנאַלן

דער נאַטוריסט און וועגעטאַריער, ניו יאָרק

די וועגעטאַרישע וועלט — מאַנאַט שריפט פאַר הומאַנישקייט.

דער וועגעטאַרישער געדאַנק — לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

דער וועגעטאַרישער געדאַנק — פילאַדעלפיע

בראָשורן

וועגעטאַריזם פון עליזע רעקליו — ניו יאָרק

אין שלאַכט־הויז — ל. נ. טאָלסטאָי, ניו יאָרק

לא תרצח — א. ה. פרענקל, ניו יאָרק

געזונט זאָלסטו זיין — פאַרלאַג אורח חיים, תל אביב, ישראל 6. ד. 2378.

פרינציפּן פון דעם „אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון ניו יאָרק״.

העברעאישע ביכער און זשורנאַלן

זשורנאַלן פעריאָדישע.

ידיעות אגודת הצמחונים בישראל, ירושלים ת. ד. 1271

חיים חדשים, תל אביב, ישראל

הצמחוני, תל אביב

התחדשות, תל אביב, ישראל, יחזקאל הארן ת. ד. 3135,

חיים חדשים יוצא לאור ע״י „חוג הצמחונים״, ישראל

לחיים חדשים, תל אביב, ישראל

מוסדות לצמחונות ואספרנטו, המוציא לאור: ג. ב. חבקין, ירושלים רחוב הקהילה ישראל.

העברעאישע ביכער

חינוך לגאולה — ווערנער צימערמאַן, ישראל

צמחונות וטעובנות — הורוויץ, ישראל

MAGAZINES & PAPERS

The Vegetarian News published by The London Vegetarian Society 9 Adam Street London, W. C. 2

The American Vegetarian , Pismo Beach, California

Vegetarian Youth Magazine—1941, N. Y. a series of leaflets on vegetarianism published by the Millenium Guild, N.Y.C.

Declaration of aims and principles of the N. Y. Vegetarian Society, N. Y.

The Vegetarian, Open Forum for Living Reform, London

World Forum—a magazin edevoted to living reform, London.

Vegetarianism and War—by the Human-Vegetarian Society of Philadelphia, reprinted by the Vegetarian Youth of N. Y.

BOOKS

The Ethics of Diet—by Howard Williams, London, England

The Creed of Kinship—by Henry L. Solt

The Logic of Vegetarianism—by Henry L. Solt

Thou Shalt not kill—by A. H. Frankel

Thou Shalt Not Kill—by L. M. Tolstoy, published by the Tolstoy Peace Group, N. Y.

The Vegetarian Vol. I—published by H. L. Stroupe, Jamaica

The Case for the Vegetarian Consciencious Objector—by Max Davis Brooklyn, N. Y.

GRAHAM SILVESTER:
Lectures on the science of human life. 613 Gr 74

PROPHRY:
Four books on abstinence from animal food 186, P83 1823

SCHLICKEYSEN GUSTAV:
Fruit and bread, a scientific diet 613, S. 34.

GILMAN MRS. M. M.:
Meatless Cookery 641 G, 48

GEORGE F. A.:
Vegetarianism & Cookery. 641 G 34

FORWARD C. W.:
Practical Veg. recipes as used in London and the provinces 641 F 74.

COOPER LENA FRANCIS:
New Cookery recipes used in Bottle Creek sanatorium & from Magazines, 641 C 777.

MALECK MRS. LEONA ALFRED:
Meatless meals, 641, 1724.

LYMAN B. S. :
Vegetarian diet & dishes 641, L 966.

GARDINE JEANE:
Best Veg. dishes I know. 641

CHRISTIAN EUGEN:
Meatless & Wheatless meius 613 E 1917.

CARTON PAUL:
Simple Veg. Cookery 641, C 32 1931

BROOPBACKER-BIRCHER, MRS BERTHA
Health giving dishes, 641, B 31, 1934.

ALCOTT W. A.:
Vegetarian Diet as sanctioned by Medical men and by experience in all ages 613A354, 1851

BLATCH MARGARET:
One hundred and one practical non flesh recipes, 1917.

BOTNER IVANS:
Meat for the meatless 100 meatless entries, lunches and supper dishes, 641 B, 167.

אין נאָמען פון אונדזערע מיטגלידער פונ'ם ענגלישן וועגע־
טאַרישן פאַראיין באַגריסן מיר אייך צו דער דערשיינונג פון
דעם ביכל **„דאָס קול פון דעם וועגעטאַריער"**
לאָמר האָפן אַז דאָס וועט זיין אַ ביישטייער פאַר שלום, פאַר דער
אָפּשאַפונג פון מלחמות צווישן מענטש און מענטש און אויך
פאַר דער אָפּשאַפונג פון שלאַכט־הייזער.

מ. מיקענבורג, פרעזידענט

VEGETARIAN SOCIETY OF N. Y.
33 West 42nd Street, New York City

אונדזער פאַרזאַמלונגען קומען פאַר דעם ערשטן דינסטיק פון חודש.
אַלע אונדזערע טעטיקייטן ווי לעקציעס איבער קונסט, מוזיק, עטישן
וועגעטאַריזם, געזונט־פראַגן, דיעטע, פילאָזאָפיע און אַפילו עקאָנאָמיע.
די יוגנטלעכע וועגעטאַריער פאַרברענגען יעדן 3טן שבת פון חודש. עס
קומען פאַר פאַלקס־טענץ און פאַרשיידענע אונטערנעמונגען אין
74th — 5th Avenue N. Y. C .

באַגריסונגען

נתן שמואל דייוויס	גאסי מאגולעווסקי
העלען דייוויס	פעני לעווית
מנחם מאָרגנשטערן	משה ליב גודמאַן
בעקי שקלאָווער	מ. ז. טקאטש
שלמה לאנדין	מיכאל באסין
ציליע לאנדין	סאל קארפ
ל. קאנער	לאה מאסט
יעקב פיין	העלער און פרוי
איידע קאהן	א. וועגנוס

דאַנק־אויסדרוק

די פאָלגנדיקע פריינט און חברים האָבן בייגעשטייערט פאַר דער פובליקאַציע „דאָס קול פון דעם וועגעטאַריער". די זאַמלונג איז געמאַכט געוואָרן דעם 29טן יוני אין פ. שייפער'ס „וועזשעטעריען האָטעל", וואודרידזש, נ. י.

די פאַרוואַלטונג פון דעם „אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין" דריקט זיי אויס אַ האַרציקן דאַנק.

יעקב פיין
נ. ש. דייווויס
מ. זש. מיקענבווירג
אידע גאָלאָוועי
א. האַלפּערן
דאָרע לימען
דוד גאָלדשטיין
גאָסי ראָגאָט
סאל קאַרפּ
מאַיזל
ווירטש
אורווינג קראוויץ
מי קאַרעליט
ענע קעראל
סיליע קאָן
דזשעק טאקער

דזשעק זשוקיום
א. ה. האועל
פערעלסטאין
לאה מעסט
שולטץ
זש. העם
לעאָנאַרד לעסקי
סאל. גווירבער
סאל לואיס
עני בערגער
א. מאראנץ
סילוויע קאלמען
לואיס דינער
דוד פרחיה
מעקס וואַרמברענד.

און אַ באַזונדערן דאַנק די חברים: שאָליט, העלער, פיין און פעני שייפער פאַר ביישטייערן מיט אַ ברייטער האַנט.

ד ר. ע ל י ס ט ש י י ס

— אייגנטימערין פון —

העלטה־רעסט האָטעל

באַגריסט דעם „אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון ניו יאָרק״

צו דער דערשיינונג פון בוך

„דאָס קול פון דעם וועגעטאַריער״

לאָמיר האָפן, אַז די אַרבעט וועט אינספּירירן גרעסערע צאָלן וועגעטאַריער, צו העלפן אין דער אויפקלערונגס אַרבעט פון שפּייז־רעפאָרמען.

מיט די רייכע נאַרונג־עסנס וואָס מיר באַזיצן היינט איז זיכער ניט נויטיק אומצוברענגען מיליאָנען אומשולדיקע חיות, וועלכע זיינען דאָ, פאַר דעם זעלביקן צוועק וואָס מיר — צו לעבן און שטאַרבן.

דר. עליס טשייס לאַדט איין די וועלכע ווילן פאַרברענגען אַן אָפּרו וואַקאַציע.

עס ווערן אָנגעווענדט ספּעציפישע נאַטור־היילונגס מעטאָדן, אויך יענע וועלכע נייטיקן זיך אין פאַרריכטן זייער געזונט.

שיקט נאָך פרייע ליטעראַטור צו:

THE HEALTH-REST

Tel.: Nanuet 3-2316 **Nanuet, N. Y.**

DR. ALICE CHASE, *Directing Physician*

איך באַגריס האַרציק דעם

אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין

צו דער דערשיינונג פון

„דאָס קול פון דעם וועגעטאַריער״

לאָמיר האָפן, אַז „דאָס קול״ וועט דערהערט ווערן און אונדזערע רייען וועלן פאַרפילאַכט ווערן.

מ. גאָלדשטיין

ד ע ר

וועדזשעטעריען האָטעל

באַגריסט דעם

„אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון נ. י."

צו דער דערשיינונג פון דער זאַמלשריפט

„דאָס קול פון דעם וועגעטאַריער"

מיר לאַדן איין אַלע פריינט צו באַזוכן אונדזער זומער־רעסאָרט, פאַר נאַטור ליבהאָבער, פאַר רו און געזונט.

- געשמאַקע וועגעטאַריאַנע מאכלים, געקאָכט וויסנשאַפטלעך.
- רויע עסנס ווי נאַטור האָט זיי באַשאַפן.
- ספּעציעלע עסנס פאַר יענע וועלכע נויטיקן זיך אין ספּע־ציעלער דיעטע.
- זון־דעק, שווים־פּלאַץ, גימנאַסטיק, לעקציעס, קאָנצערטן.

שרייבט נאָך אינפאָרמאַציע:

F. SHAFFER VEGETARIAN HOTEL

P.O. BOX 457 Woodridge, New York

Phone: Woodridge 153

א רוף צו אַלע וועגעטאַריער!

שליסט זיך אָן אין „אידישן וועגעטאַרישן פאַראיין פון ניו יאָרק". קומט צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען, לעקציעס און דיסקוסיעס וועלכע קומען פאָר יעדן זונטיק פון סוף חודש.

ס'איז דער חוב פון יעדן וועגעטאַריער צו העלפן בויען די וועגעטאַרישע באַוועגונג אין אַמעריקע.

אויך פריינט און סימפּאַטיקער פון אונדזער אידייע זיינען געבעטן צו קומען צו אונדזערע פאַרזאַמלונגען און פאַר שיידנאַרטיקע אונטערנעמונגען.

9. We condemn hunting and fishing, and therefore do not wear fur garments nor articles made with the plummage of birds, we also seek to avoid the use of any products derived from slain creatures.

10. We also oppose all other cruel sports and games, circus exhibits, and so forth. We are also in favor of the avoidance of vivisection and zoological gardens.

11. We are always on the side of all oppressed classes and peoples.

12. As Jewish Vegetarians, we are especially and intimately concerned with the fate and destiny of the Jewish people and its liberation from oppression, persecution and enslavement.

Written by M. Morgenstern and Adopted in 1939-1940.

If after reading our program you feel that this points the way to a more fundamental solution of the problems that retard man's progress toward a more truly civilized state and wish further information regarding meetings, membership, etc., write to Mr. N. Davis, Secretary of The Jewish Vegetarian Society of New York, 722 Vermont Street, Brooklyn, N. Y.

"I can believe that the steel, since stained with blood,
was first dipped in the gore of savage wild beasts."

OVID.

"Take not away the life you cannot give,
For all things have an equal right to live".

OVID.

We call upon all those who recognize the truth of our ideas, and who wish to live in the spirit of our ideals: join our ranks and with love and devotion, with boundless faith in the ultimate vindication of the ethical ideals, we will together struggle for a just, liberated, happy, humanity, and for the new man, who will be sanctified by his morally beautiful and esthetically exalted life.

AIMS AND PRINCIPLES

1. Vegetarianism implies an ethical-humane relationship to all sentient creatures, a sanctification of life.

2. Man and sub-human creatures are not and must not be considered as means to something. They are an end unto themselves, and carry the right to life and happiness within themselves.

3. Our ideal: to direct the human personality to a state where it will desire and have the ability to live a life free from violence and oppression, without bloodshed and exploitation; but with compassion, love and justice to all fellow creatures, and in harmonious unity with himself and nature.

4. We have the deep conviction that high noble aims can be achieved only through pure, honest means, consistent with the spirit of human ideals.

5. We are convinced that a vegetarian humanity, peoples imbued with vegetarianism would speedily free themselves of the scourges from which we suffer: war, mass-murder, exploitation, dictatorship (in all its forms.)

6. We recognize the right of every sincere conscientious objector to war to refuse to participate in war.

7. We are opposed to capital punishment and favor a humane scientific treatment of criminals.

8. We have discarded the meat diet, because it is unethical, unesthetical, unnatural, and unscientific.

ment of property above man; killings and bloodshed, death penalty, slaughter houses and barracks; the teaching of our children in the schools kindness towards animals, and later permitting them to see their mothers and teachers buy the bloody parts of slain animals.

We vegetarians are resolved, that from the roaring and clamorous market-place of all sorts of movements, political groups and their compaigns, *the voice of the ethical man shall and must be heard, louder,* and bolder. The voice of him who is struggling for a better, freer and more just future society, of a more beautiful world, is imploring mankind to live right now in conformity and in accordance with the demands and dictates of righteousness, justice and humanity.

The subtle, deeply-human voice of the vegetarian, of him who has transformed and revolutionized his own life, enkindled with that wonderful urge for goodness possessed by every human soul, who in his moral life does not stop half-way, who applies the precepts of love, compassion and sympathy not only to his own species, but extends them to every sentient creature, to all who live and suffer, who therefore is ready to sacrifice all his comforts in behalf of the exalted principles—*the sanctity of life;* denying himself the use of the bodies of slain creatures for any selfish purpose whatsover he spurns the Jesuitic doctrine according to which the end justifies the means.

We, Jewish vegetarians, children of a people who have always been first victims of human malicousness, of cruelty and the rule of violence, call again for the revival of that powerful ethical pathos of our own great social prophets and all other teachers of humaneness of all ages and peoples.

We have the profound conviction that only as we live in the spirit of these high ideals can our hearts be filled with deep meaning and happiness, and give us strength and courage to endure the terrible pressure of the present historical period in the life of humanity and our suffering people.

DECLARATION OF AIMS AND PRINCIPLES OF THE JEWISH VEGETARIAN SOCIETY OF NEW YORK

Ancient man on his long tortuous road of evolution, after ages of painful effort, unwearied search and confusion, finally reached the stage of the social being he is today with his intricate social life and organized activities, the virtual purpose of which is to improve, to make more secure, more beautiful, equitable and fuller the life of man on this planet.

However, in the course of man's ever-ascending social behavior and ever-augemented political institutions, especially in the era of our modern economic system, a great misfortune overtook him: Man too often became merely a cog of an apparatus, an instrument of a mechanism, functioning according to a definite routine, robot-like and soulless. Relying upon the conventional or official institutions that they will take care of everything in the best possible manner, man ceased to be an individual, a personality: He frequently lost his conscience, his personal moral responsibility for his own thoughts and deeds, for his yearning for perfection, truth, righteousness, beauty, exaltation and harmony. In the whirl and tumult of society man has neglected the most precious things he treasures within his heart: the potentialities and capabilities of his deeper ethical nature.

This distortion and deviation in the development of man's character has led to such abnormal, undignified manifestations, as: high-sounding words and phrases about humanenee, liberty, compassion and culture, accompanied by repulsive acts of cruelty and enslavement, violence and barbarism; florid declamation about socialism, human rights and democracy—and a reality of dictatorship and oppression; preachments in behalf of peace, and actual warfare; words about the sanctity of life, the dignity and integrity of the human personality, but in reality at every turn the place-

A list of Contributors towards this publication omitted in the Yiddish section

MORGENSTERN-SKLOVER, BECKIE
TKATCH, M. Z.
FRANKEL
CHUCHEM, MOSHE
CHUCHEM, MRS.
MORGENSTERN, MENACHEM
LERNER
KAZDAN, H. B.
KARP, SOL
GOLDSTEIN, MAX
NESKIN, EVA
REIFF, BELLA
LUNDIN, SOL
LUNDIN, CELIA
REICH, CELIA
STAVE, SADIE
BASIN, MICHUEL
BASIN, MRS.
GRIENFIELD, M.
GOODMAN, MOSHE
HELLER, EDWARD
HELLER, MRS.
STEIN, GUSSIE
VENUS, ABRAHAM
MILLER
ADLER
REICH, YITZCHOK
KATZ, D.
KANNER, L.

This book is dedicated

to the memory of

SAMUEL D. MOTT

A great Humanitarian. A founder and guiding spirit of the Jewish Vegetarian Society of N. Y. He was a kind, gentle, loving friend of all living creatures. His exemplary life was an inspiration to all kindred spirits.

THE VOICE OF THE VEGETARIAN

A GATHERING OF WRITINGS DEVOTED TO THE ETHICAL VEGETARIAN THOUGHT

"Man and Beast Thou Preservest O Lord"
(*Psalms*)

EDITED BY:
NATHAN S. DAVIS
722 Vermont Street
Brooklyn, N. Y.

341
Printed in the U. S. A.
WALDON PRESS, Inc.
203 Wooster Street, New York 12, N. Y.